PP 1-67, 88

FOOTNOTES ADD ANECDOTAL MATTER
15-16, 20-21

MAN = A CREATURE OF HABIT 22-23

ADDS MISSING INFORMATION P. 32

ADDS HIS OWN CRITIQUE OF JEWISH PRACTICE:
30 (HEDER) 37 (ARTISAN SHULS)

JC 18.1.84

5

דער

# פָּארְטֶעפְּיַאנִיסְט

אַיינֶע וואהְרֶע עֶרְצֵייהְלוּנְג אַלְס מוּרַאלִישֶׁער
זִיטֶענְשְׁפִּיגֶעל פַּאר אוּנְזֶערֶע אִידֶעשֶׁע לִיטְהוִישֶׁעש
יוּגֶענְד (קִינְדֶער)

מאת אמ״ד.

ווילנא
בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראם
שנת תרל״ח לפ״ק

ДЕРЪ ФОРТЕ ПЯНИСТЪ
Повѣсть съ Еврейскаго быта.

Соч. А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ,
на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ №№ 327 и 328.
1878.

Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено цензурою 2 Января 1878 года. Вильна.

1.

## איינע קליינע פאררעדע (הקדמה)

ווען איין מאל וואהר איזט אונ צו גלייך בעוויזין דאס
דאס ביבער לעזען נעהרט דעם גייסט וויא שפייזע דעם קערפער,
אזוי איז שוין זייער לייכט צו פערשטיין דאס מען מוז זיין בייא
דעם לעזען פיל מער וואהלעריש (איזבארציווא) אלס בייא דעם
עסין, ווייל דער גייסט פיל איידעלער איז אלס דער גוף,
דאס הייסט גיזאגט ווען מיר מוזין אונז היטין בייא דעם עסען
דאס מיר זאלין אויס ווייהלען אונ געניסין נור אזעלכע שפייזען
וואס זיינען אונז העכסט גיזונד, אונ ניט שעדליך, אונ ניט
קוקין אויף דעם גישמאק אליין, דען זאנסט קען גיפט אויך
גוט שמעקען, פשיטא דפשיטא דאס מען מוז זיך היטען פון
צו לעזען אזעלכע ביכער וואס זיינען העכסט אן ציהענד אונ
בייא אלעם דעם זיינען זייא איין גיפט פיר דאס הערץ, אונ
פערצערען דעם גייסט, וויא צום בייא שפיל אונציכטיגע
ראמאנען, וואס ערהיצען דיא פאנטאזיע, אדער גייסטער מערכען
(מעשיות פון שדים) אונ פון מופתים וואס מאכען דעם מענטשין
העכסט אבער גלויביש, דום אונ פאנאטיש וואס דאס גיט אים
איינע זייער שיפע (קרומע) ריכטונג אין לעבין, אונ דאס
גלייכען אזעלכע ביכער אדער ספרים וואס שרייבין געגען דיא
יסודות פון דת אונ פון דער וואהרע מוראל, אם נוצליכסטען
איז צו לעזין (לבד ספרי הדת) רייזע בעשרייבונגען, דען עס
איז פון זייא צו לערנען דיא וואונדער גאטעס אונ זייער פיל
וועלט קענטעניס, דיא צווייטע פון זייא זיינען דיא ביאגראפען
דאס הייסט דיא לעבענס בעשרייבונגען פון מאנכע וויכטיגע
מענשען

מענטשען) דען עס איז פון זייא צו לערנען וואס עס קען מיט איינעם מענטשען פאסירען אין זיינעם לעבענס לויף, אונ בעקומען דורך דעם גרויס ערפאהרונגען (געניטקייטען) אום צו וויסען וויא זיך צוא בעגיין אין מאנכע נויטען, אונ בפרט נאך ווען דיא ביאגראפיע איז געשריבען נאך פון דער פערזאן זעלבסט וואס מיט איהר איזט עס אלץ געשעהן, אונ טיילט אונז מיט איהרע אינטערעסטע געפיהלע אונ דער צוא נאך קריטיש געשריבען, אזוי איינע בעשרייבונג מיינע טייערע לעזערין, איבערגעבע (דערלאנגע) איך דיר איצונד איינע לעבענס בעשרייבונג פון איינעם געוויסען וויקטאר לעווינטאן, ער האט עס זעלבסט בעשריבען אין פראנצויזיש נור איך האב איהר בעקומען צו לעזען שוין אין פאלניש, אונ ווייל זיא איזט פון גרויסען ווערט פאר אלעמען, אונ דאפעל ווערט פאר אונזערע ליטהוישע יודען, דען ער וואר איין געבארענער פון דיזער געגענד אונ שרייבט זייער פיל פון אונזערע ברידער אונ אם מעהרסטען פון זיינער פאטער שטאט וואס הייסט "אילוי" האב איך מיר גענומען דיא מיהע עס איבער צוא זעצען אין אידעש דייטש, אונ ווייל מיר פעלט נאך איין צו טרויען צוא אונזערע אידעשע לעזערינען דאס זייא זאלין ווילינ זיין צו צאלין פאר איינע אידישע געשיכטע מער אלס אכט ניין קאפייקעס. האב איך איר זייער שטארק פערקירצט, דען אין פאלנישען פערנעמט זיא מעהר אלס פירהונדערט אקצאווען, זיא איזט געדרוקט אין לייפציג אונטער דעם טיטול "זיציע וויקטארא לעווינטאן" אין דעם יאהר (1866) ביא אלעם דעם האב איך אויסען געלאזען נור אזעלכע זאכען וואס אונז ניט בעלאנגט, דאס דער לעזער וועט ניט שפירען דאס עס פעלט אין איהם עפעס, אונ איך לאז דעם פערפאסער זעלבסט אויפטרעטען דא אלס זעלבסט ערצעהלענדער וויא אין דעם אריגינאל.



## 2.

## איינע קליינע פאררעדע פון דעם פערפאסער (מחבר) זעלבסט.

"געניינטער לעזער" שרייבט דער פערפאסער (מחבר) אין דעם אנפאנג פון זיינער לעבענס בעשרייבונג, אלס איינע קליינע פארריידע "איך וואר נימאלס (קיין מאל) דער מיינונג צוא פערעפענטליכען (צו פובליצירין אדער צו דרוקען) מיין לעבענס געשיכטע וואס איך האב איר געשריבען נור צום צייט פערטרייב זייענדיג גאנצע אכט וואכען אויף דער אינזעל סאנקט העלענע, דען איך בין דאך ניט איינער פון יענע פערזענליכקייטען וואס האבען גרויסע ראלען געשפילט אין זייער לעבען, אונ בין אלזוי ניט געשטאנען אין איינער גרויסע בעריהרונג מיט דער גרויסען וועלט, אונ האב אלזוי געמיינט דאס דיזע שריפט זאל נור בלייבען איין אייגענטהום (אירושה) פון מיינע קינדער, דען וואס נאך איז אקינד ליבער אלס צו וויסען דעם לעבענסלויף פון זיינע עלטערען, פיל ליבער אלס זייער טויטער קאנטרעפייע (פאטרעט), דאך אבער דער שיקזאל אדר דער בלויזער צופאל האט אנדערס געוואלט מיט דיזער שריפט אלס איך, דען אויף מיינער ריקרייזע נאך פראנקרייך וואר מיט מיר אויף דער שיף איין פראנצויזישער זורנאליסט, איך האב עס איהם געגעבין דורך צו לעזען, אונ עס איז איהם אזוי ווייט געפעלען, דאס איך האב איהם געמוזט ערלויבען צוא דרוקען קאפיטלעך וויים אין דיא יאהר געינגליכע זורנאלען זיינע אונ אלס עס האט דיזער ארטיקעל (שטאטייקא) גרויס בייפאל געפונען ביי דעם פובליקום (נאראד) דאס עס האט דער לעבט (זוכה געוועזען) צוא האבין דער נאך איינע בעזונדערע אויפלאגע (איבער דרוקונג) האט מיך דער זורנאליסט איבערראסט דאן מיט איינעם האנאראריום (בעלוינונג) פון צוויא טויזענד פראנק, איך האב

עס

עס געשריבן אין דעם פארעם אלס איך וואלט עס דער ציילן מיינדלעך אין דעם קרייז פון מיינער פאמיליע אין די שטילע און היילינע סוכות אוונטן דען איך האב עס וירקליך אין דעם ערשטן יום טוב נאך מיין קומען פון מיינער לאנגע רייזע אהיים וואס דאס וואר סוכות פארגילעועו. זיי האבן דער ביי מאנכע טרערן פערלארען, און זייען העכסט ערבויט (פרום געשטימט) געווארין דאס זיי האבן גילויבט און געפריין דעם אייביגען וואס וואר מיר צו הילף אין מיינע נויטען און איך גלויבע אלזוי די זעלבע געפיהל אויף צוא וועקען אין די הערצען פון מיינע אייגעלע לעזער און לעזערינען.

3.

(מיין געבורט שטעטכען ק...)

מיינע ליבען איך בין אויך וויא איר אלע ניט פון אייביג אן אויף נאטעס וועלט, איך בין אויך וויא איר פון עלטערען גיבאהרען דא אויף דער ערדען, נור מיט דעם אונטער שייד, דאס איר זייט גיבארין אין איינעם צוויליזירטען (געבילדעטען) לאנד אין פראנקרייך, און איך בין געבארין אין איינעם לאנדע וואס וואר נאך דאן האלב ווילד און גאנץ רויא, אין א קליין אידעשע שטעדכען ק. וואס ליגט אויף דעם גרענעצען שטייך וואס צווישען ליטע און פאלעשע. און וואס וואר דאן אנגעהויבט פון ליטהוישע זייט פון דעם אלטען מתנגדישען פאנאטיזמוס*) און פון פאלעשער זייטע וואר עס אנגעהויבט פון דער נייע חסידישע שווערמעריי

*) פאנאטיזמוס הייסט איין געוואלטערנער האס געגען די וואס גלויבין אנדערש אדער וואס דיינקען אזוי נאר אנדערש וויא דער המון עס גלויבט.



שווערמעריי*) די איינזאמער מארען דאן דארטן יודען, חסידען, און מתנגדים. יודען וואַרען די גרעסטע צאל פאנאטישע אמער הונדערטס פאמיליען, און איך זאל אייך דער ציילן נור פון זייא וויל נור זייא זייען איינגעקערפערט אין דער ערציילונג פון מיין לעבענס געשיכטע, און די איבעריגע צוויא קלאסען, די חסידען און די מתנגדים מארען פון גאנץ קליינער צאהל. איך האב דאן גאנץ ווייניג געוואקסט פון זיי און וואר אין מיינער בעדייטונג ניקס מיט זייא דאס איך זאל אייך חענען דער דארפען אין עטוואס מיט טהיילען פון זייא.

די יודען וואַרען ביי אלע זייערע גאציאנאלשונגערען (מדות שבות וואס האבן אין זיך כלל ישראל) דאס הייסט די זייערע אויסגערעכנעטע אייגעשאפטען (צניעות) רחמנות, בושה, יודעי ספר און דאס גלייבען ווארען זייא דאן העכסט אויסגעצייכנעט אין געלטליכע ואכען האבן גיהאט די ארדענונג, די ריינליכקייט, די ערציהונג, און האבן גילעבט וויא צוא זאגען אין יעדער בעציהונג (אין יעדער ענין) גראדע געגען די שטעלען (כללים) פון דעם נייעסטען מענטשען פערשטאנד, און געגען די געזעצע פון דער נאטור, האבן זיך פערהייראטהעט העכסט יונג צו צעהען צוועלף יאהר, און האבן אין גירוטין צו זיין אין אונטער קומען (אין שטאמע צום לעבין) ערסט דאן אלס זייא ווארען שוין בעלאסטעט מיט אגרויסע פאמיליע און האבן אזויא אריין גיוואנדערט אין נאטעס וועלט וויא די שאף פעה**) האבן געלעבט אייגנטליך מיט דער גאנצער וועלט

*) שווערמעריי הייסט גרויסע ווילדהייט אין רעליגיאן זאכין און אין קליינעס גלויבען אין כשופים, און דאס גלייבען.

**) די פאליפין זיינען (בעלי חיים) וואס וואקסען אין וואסער וויא די ניע צווייגליך, עס איז צוא בעוואונדערען וויא זייא געבערין זיך, וויא איינע פון זייא דער נעהט אלליינעלע קליינע ניט וויא זיך אין גיינג צוא איר און דיזר שלינגט איר,

און מיט זיך אליין, דען יעדער בעזונדער וואר ניידעש (קנאהדיק) אויף דעם אנדערן, אטייל אוים הוילע קנאה, אטייל אוים מסחר, און איין טייל אוים רעליגיעזע זאכען, דען עס ווארען דארט זייער פיל חסידים פון פערשיידענע זעקטען, אויסגינומען אפאר וואכען וואס זייא ווארען פעראיינט אונטער זיך, פון ערב יום כפור ביז שמחת תורה, [אום ערב יום כפור פלעגען זייא ווערין גוט פריינד צווישין זיך האבין זיך איבער גיבעטען, אום שמחת תורה האט מען זיך צוא שלאגין אין שול איבער (אתה הראת), איבער הקפות, און מען איז זיך געבליבין אונפריינדליך ביז איבער איאר ערב יום כפור], האבין ניט פערגונען איינער דעם אנדערען זיין פרנסה, זיין געשעפט, זיין קינד, זיין איידעם, דיא למדות זיינע און דאס גלייכען, און ניט איינער פון זייא האט ניט פערשטאנען מקנא צוא זיין דעם גליקליכסטען אונטער זייא, און דיזער וואר זייער רב וואס וואר חוץ למדות נאך דער צו איין גרויסער חכם, איין גוטער מענטש, און וואס ער וואר זייא פיל נוצליכער גיוועזען אין קהלשע ענינים אלס אין שאלות, ווייל שאלות ווארען דארטען גאנץ זעלטען, דען נאך האט זיך דארטין ניט גיטראפין אשאלה אגעוויינליכע, איינע פערמישונג פון מילכיגס מיט פליישיגס, דען אום זומער האט מען דארט ניט גיקאכט קיין פליישיגע, און אום ווינטער קיין מילכיגס, ער פלעגט אפט פארין ווענען שטאט זאכען

אין

---

דיא נאמור פארשער זאגין אויף איר דאס זיא איז איין מיטל דינג (אבמוצע) צווישין איין חי און איין צומח, דען זייא זיינען צו גיוואקסען צו דעם גרונד פון מער אדער פון טייך, און דאס קינד וואקסט אויף דער מוטר, און דיא איינקעל אויף דיא טאכטער, גאנצע דורות אזוי פלעגען דיא קינדער מיט קינדס קינדר צו עסין קעסט בייא דיא אור עלטערין כמה דורות גאר אן איין שיעור.



אין פאוויער דען ער האט פערשטאנען איין ביסעל רוסיש, און האט אלע מאל אוים גיפירט וואס נור שיקליך איזט און פלעגט אויך איינצולעשען יעדען קריג וואס עס פלעגט דארט ווערען און וואר אלזוי העכסט בעליבט דארט פון אלע קלאסען מענטשען, און האט אלזוי גילעבט גאנץ רוהיג פריידליך און גליקליך, ער האט צוואר גאנץ ווייניג שבירות גיהאט, צעהנן גילדין אוואך נור בייא אלעם דעם איז ער זיך דער מיט זייער גוט אוים גיקאמען, דען ער האט דער צוא גיהאט איינע קהלשע דירה מיט אגארטין, פלייש אן קאראבקע, זיין קוא האט גיגעסין טעג, דאס הייסט בראהע געזופט אלע טאג בייא איינעם אנדערען בריער, דער צוא האט זיך גימאכט רה"ש. פסק געלד, קאלענדע, און עס וואר אים אזוי ווייט גענוג דאס ער וואר דער גרויסער בעל צדקה אין שטעטעל, אטייל פון דיא שטעטעל לייט ווארען שלייער מאכער, אדער שלייער וועבער, לולקע מאכער, העקעל מאכער, פראסטע קרעלען מאכער, לבד געוועהנליכע בעלי מלאכות, שניידער, שוסטער, איין טייל ווארען שיינקער וואס מען האט עס דאן גערופין דארט בעלי חיות, אטייל קרעמער, אין סך הכל האבין זייא זיך געהאט זייער אויסקומענעש גאר אן צער, זייא פלעגען אבער זייער שטארק ליידען פון פרעמדע שנארער וואס פלעגען צו היימזוכען (פלאגען) זייער שטעטל אלע וואך צו פופציג צו זעכציג, דען עס ווארען דאן זייער פיל ליידיג גייער אונטער דיא ליטהוישע יודען, און אלע האבין זיך געציילט אונטער איין בעזונדערע קאסע, דרשנים, מגידים, ספדנים, קאניע און פאחאדניע. און אזוי חזנים. משוררים, בעלי מגיהים, מוכרי ספרים, סופרים, בעלי שמות, גלגולים, עגונות, און יאלעווע בעל דרשר, און אזוי גלאט שנארער גאר אן איין שיעור, שבת פלעגין זייא (דיא שנארער) איין צו שטיין אין מרחץ און גיין איבער דיא הייזער נאך דעם אז זייא האבין אפ גיגעסען.

דער

דער נגיד פון שטעטיל ר׳ יאסעל הענקעס וואר דער פער פון דער קהילה, ער וואר דער ראנדאר, דער פרנס, ער האט ניט גיפעלט אויף קיין שמחה, דער קלוצוואויט פלעגט ביי איהם אראפ צוא נעמען די לייכטער אום שבת. דער אסעסער פלעגט צוא קומען צוא איהם מיט דער פרויא אלע פרייטאג צוא נאכט אויף פיש, דער ספראוניק פלעגט ביי איהם איין צו שטיין ביי זיינעם דורך פארין, אלזוי וואס קען מען שוין מעהר תקיף זיין אין דער וועלט. פון אגובערנאטאר האט די שטעטעל נור געהערט דאס מען זאגט עס איז דא, פון אפאס האט מען דאן אלזוי ווייניג געוואוסט, וויא מען וויים דא אין פראנקרייך איצונד פון אקאנאמיע.

דער בית המדרש וואר דאן דער צענטרום (מיטעל פונקט) פון שטאט, דער ראטהויז, דער קלוב, די שטאמעסט[…] זיינע (די אורחים קבועים) ווארען דאן די איידעמס וואס האבין זיך גידרייט מיט די שוויגער עלטערין, אסטאווונע[…] מלמדים, אנזעצער פון פרעמדע שטעט. אין ווינטער צייט פלעגן זיך דארטען צו תאווען (בעהאלטען זיך) פילע פון די ארעמע וואס האבין ניט גיהאט מיט וואס צוא היצען זייערע הייזער, אדער מיט וואס צו בעלייכטין, אויך ווארען דאן דארט עטליכע פרושים אונ ארעמע בחורים וואס מען האט זיי גירופן נאך די נעמען פון זייערע שטעטליך.

די ימים נוראים ווארען דארט אן גינומען גיווארין נא[…] בעצייטען, מען האט זיי אנגעהייבין צוא שפירין שוין […] חמשה עשר באב, דען מען האט דאן שוין אנגעהויבין […] לערנען דארט ביי נאכט אין בית המדרש, אונ דער חזן ה[…] זיך שוין אנגעהויבין מסדר צו זיין מיט זיינע משוררים, […] זייגען שוין גינאנגען ארום געוויקילט די העלזער מיט האנטיכ[…] ראש חדש אלול האט מען שוין אן גיהויבין צו זאגין איין […] תהלים נאך דעם דאווענען, אונ ווייבער האבין אן געהו[…]

פעלד



פעלד צו מעסטין, נאך די ערסטע סליחות פלעגן אנהייבין אן צו פארין ווייטע ישובים מיט ווייב אונ קינדער צו האלטען דארט ראש השנה אונ יום כפור אטייל אום צוא פערבלייבין איבער סוכות, פלעגן איין צו שטיין ביי בעקאנטע בעלי בתים, אונ פלעגן צו ברייגגען מיט גאנצע וועגן מיט עסען […]ווארג, שעפסין, קעלבער, הינער, גענז, קאצקעס, האניק, […]על. אונ דאס גלייבען אונ עס וואר דאן די שטעטעל בעלעבט אונ בעפעלקערט, עס פלעגט דאן אויס גיפירט ווערען פילע שידוכים, אונ פילע חתונות גימאכט, מלמדים בעשטעלט, […]אס גימאכט מיט ווייגער, פערד אויס געביטען, אונ דאס גלייבען, אונ צו גלייך זיך גינגט.

אויך דער פסח וואר דארט פון גרויס וויכטיגקייט, אונ […]ען וואר בעשעפטיגט ארום אים פון פורים אן. דען וויא נאך (פרשה פרה) האט מען אן גיהויבין צו ברייען מעד. אויך צוא […]אלען ווייץ אויף מצות, צעהען אדער פופצעהן בעלי בתים […]לעגן צו באקען מצות בעוואמען, דאס הייסט אין שטוב איין […]יינע פאמיליע האט גיהאלפין די אנדערע, אונ אלע האבין צו זאמען געשפייזט אונ גיטרונקען ביי איין טיש אונ מען האט […] גיוואונצען הלואי אויף איבער איאהר מיט ווייניגער זינד אונ […] מעהר געזינד, אויך פלעגן אב גיאכטעט ווערין דאן ווייטע […] אונ כלה, אין דיזער שטעדטכען בין איך געבאהרען גיווארין אין יאהר (1825).

## 4.

### „מיינע קינדהייט“

מיינע עלטערען ווארען ארענטליכע לייט אונ האבין זיך ערליך גענעהרט, מיין פאטער האט גיהייסען ר׳ הענקעס דען אזוי האט גיהייסען מיינע מוטער, ווייל וואר די זיטע דאס די בעלי בתים ווארען אנגערופין

אויף

אויף דעם נאמען פון זייערע ווייבער אדער אויף דעם נאמ
פון זייערע שוויגערס, ווייל זייא ווארען דיא עקרת הבית
אונ זייא אליין ווארען על פי רוב האלבע בטלנים. ער וואר איי
שלייער מאכער, דען אין יענע צייטען פלעגען דיא פרויע
גיין אן גיטאן אין הויב אונ שלייער אונ ארום דעם ווא
אוואלענע אדער אזיידענע פאציילע געוויקעלט ארום קאפ. ע
איז גיזעסען בייא דעם וועבער שטול מיט זיינע איינענע צווייא
מיידעלעך (שוועסטער מיינע) אונ מיינע מוטער וואר דיא
פערקויפערקע, זיא פלעגט צוא פארין דער מיט אויף ירידי
אונ אפט קיין ווילנא, פלעגט עס דארטן פער קויפין אמייה
אויף בארעם געלד, אמייל פלעגט זיא איינבייטען אויף טלית
קטנים, אויף ציצית, אויף קנעפלעך, אונ דאס גלייבען אונ
דער נאך גיפארין דער מיט קיין זעלווע, אשטוב מיט אגארט
האבין מיר גיהאט איינענע, דער צו אבהמה, אונ האבין
אלזוי גישפייזט אן צער, איך בין אנוטער איינגעלע גיוועזן, ב
מיין אכטען יאהר האב איך גילערענט חומש מיט רש"י. א
דער צו נאך האט מען אן געהייבין מיט מיר גמרא, מיט שרע
דער מאן איך מיך אן מיין רבין, אן מיין חדר, אונ נ
מעהר אן דעם בעהעלפער, דען מיין רבי וואר איין העב
בייזער איד, פלעגט מיך זייער שטארק שלאגין אונ האל
איין גישפארט זומער פון אכטען ביז אכטען אין חדר,
ווינטער ביז ניין אין דער נאכט. אונ ווארען אונזערע צוויל
איינגלעך וואס ווארען איין גיטיילט אין צווייא כתות,
דער כתה האט ער גילערענט בעזונדער. שמייסען פלעגט
אונז צו זאמען (אין איינעם). דער חדר וואר איין קליין שטיב
אן אפאדלאגע מיט קליינע פענסטער אונ מיט אוים גיבראכ
שויבין וואס ווארען זומער פערשטאפט מיט אלטע קאפעלוש
אונ אין ווינטער פלעגט ער פאר קלעפין מיט פאפיר, ווינט
וואר דארטן קאלט, צאדנע, איינג צום דער שטיקט צו ווער

דען



דען דער רבי האט גיהאט עטליכע איינענע קינדער איין איידעם
אויף קעסט וואס זייען גיזעסען אונ גילערענט, דיא ווייב פלעגט
ווינטער שטאפען גענז, זומער גימאכט נאבעלקעס, אויך פלעגט
דארט צו נעכטיגען דער באהעלפער, ער וואר אגרויסער בחור
וואס פלעגט אונז זומער פיהרען אין חדר אונ אפפיהרען אהיים
אונ ווינטער פלעגט ער ברייגען ווארעמעס (מיטאג) אונ אויך
מיט אונז חזרען בשעת דער רבי האט גילערענט מיט דיא
אנדערע קינדער, אונ פלעגט דער בייא איבער חזרן אויך דיא
עם, דיא שמיץ, דיא קניפ, אונ נעמען אמייל פון אונזערע
ווארעמעס. נור אין איין נאבאר צייט פלעגען מיר לויז ווערען
אים אויף עטליכע וואכען, דען ער פלעגט זיך בעהאלטען
ער פלעגט צו זאגין דאס ער איז ארך לב אונ קען ניט צו
וואס דיא חאפארעס גיבען אן איבער דיא אידישע קינדער,
באמת וויא מיר האבין געוואוסט וואר ער איין גרויסער
פחדן איבער אונז, מען האט גילערענט מיט אונז גמרא אבער
תנ"ך, אונ פשיטא שוין ניט דאוונען, אונ קיין עקרי הדת
דאס הייסט צוא וויסען אין וואס עס בעשטייט דער אידעשער
) וויא עס ווערט גילערענט דא אין פראנקרייך, צוואר
איר מיר איינווענדען איר מיינע ליבען אונ זאגין דאס
עס איז צוא הערען זיינען דאך דיא רוסישע יודען פיל
ער אלם דיא אין פראנקרייך זיינען, דא לאזט זיך אבער
דארויף ענטפערען, עס איזט וואר דאס זייא זיינען ווירקליך
פרימער אלם דיא היזיגע, דאך זיינען עס נור דיא יענע
וואס פערבלייבין אין דיא חדרים ביז זייער אכטצעהנטען יאר,
דער נאך לערנען זייא אין דיא ישיבות, אבער ניט דיא
וואס ווארען אפגיריסען פון לערנען אין זייער צעהנטען
דיא ווייסען גאר ניט אפילו קיין פירוש המלות, אויך
דיא וואס בלייבען שוין בייא לערנען, בלייבין זייא פרום נור אזוי
לאנג זייא זיינען אין רוסלאנד צווישען אידין וואס מאכען דארט

אוים

אוים איין גרויסע קארפאראציאן (בעפעלקערונג) קומען זייא אבער אהער וואס עס זיינען דא יודען גאנץ ווייניג, אונ דיא ביסעלע וואס זיינען דא זיינען שוין פרייע מענער אונ אויך געבילדעטע ווערען זייא העכסט אויס גילאסען אונ בלייבין אן איין פונק אידעשקייט דאס מיר נעמען איין גרויס שאנדע פון זייא, דען זייא ערלויבין זיך אלעס אונ לאזין זיך אברייסען פון זייער רעליגיאן, אונ דאס איז נור ווייל זייא ווייסען נאך ניט פון עקרי הדת, דאס הייסט זייא פערשטייען ניט דעם ווארע יודענטהום, אונ ווארען דאהער זייער לייכט צו ווערין פערפיהרט זייענדיג זעלבסט אין רוסלאנד, האלטען דאס רוב מעהר פון דיא ביי זאכען אלם פון דיא עקרים, וואס ביי אונז אין פראנקרייך איז דיזער פאל ניט דא, גענוג וויא דיא ווארהייט צו זאגין איך האב מיינע ביסעלע אידישקייט דער האלטען, ניט פון מיין למוד וואס איך האב גילערינט ביי מיינע רבייאים, אונ ניט ביי מיינע בעהעלפערם, וויא איך וועל אייך באלד ווייטער דער ציילען, אונ אזוי אויך האב איך ניט דערלערינט פון זייא דעם אומגאנג מיט מענטשען. איך קען זיך נאך עד היום ניט אפ ווערען פון לאכען אלם איך דער מאן מיך אן דעם לערנען דרך ארץ וואס דער בעהעלפער האט מיט מיר גילערענט אין חדר אלע מאל פאר פסח וואס מען האט עס גירופין „שטאטאק“ ווען דיא עלטערען וועלען גיין מיט אייך גוט יום טוב ביטען, לעגט ער אונז זאגין, זאלט איר ביי אייערען אריין גיין דארט אין שטוב מאן איין גישרייא „גוט יום טוב!“ מיט איינער גאנץ הויכע שטימע, אונ אלם מען וועט אייך דארטען זאגין „זיץ אינגעלע“ זאלסט דוא דיך ניט זעצען, וועט מען אבער זאגין צום צווייטען מאל „זיץ שיינער בחורלי“ זאלט איר פערקאסען דיא פאלעס פון דיא נייע קאפאטקעס אונ זיך זעצען מיט אראפ גילאזענע הענטלעך, וועט מען אייך דארטן דער נאך פרעגען „אינגעלע וועסטו טרינקען ליפעץ?“

זאלט

USED ELSEWHERE



זאלט איר נעבין איין הויכען גישרייא „וויל איך ניט!“ וועט מען אייך אבער נאך איין מאל זאגין בחורל טרינק דאך ליפעץ, זאלט איר מאכען א ברכה שהכל, אונ נאך הער א ברכה אחרונה, אונ טרינקען זאל מען מער ניט וויא צוא קידוש אין שול אונ אפ ווישען דעם טיל מיט דעם ברעג ארבעל פון העמד, אונ מען זאל זיצען רוהיג אונ הערען וואס עלטערען ריידען אונ ניט קראצען דעם קאפ וויא אין לערנען, אונ ארוים גייענדיג זאלט איר זאגין האט איין גוטין יום טוב, דער צו נאך וואר גילערענט וויא מען מאכט א ברכה דארט אין שטוב איבער ווין איבער לעקעך, איבער איינגעמאכץ, עס וואר דער ביי טיכטיג אונטער גיקלאפט, אזעלכע אוצענעס ווארען נאך מער, דיא שווערסטע וואר וויא מען זאל זיצען אלם מען ווערט איין חתן ביי תנאים אין דעם עלפטען צוועלפטען יאהר וויא מען זאל זאגין איין פשעטל שבת חנוכה אלם מען וועט אים אפאכטען צום מחותן, מען האט דער ביי די געזונד ארוים גינומען, אלע שבת פלעג איך צו האבין טויט שרעקענעש ביי דעם פערהערן דעם לבד וואס איך בין גישלאגין גיווארין בשעת מעשה אום שבת גופא פון מיינעם פאטער באם איך האב עס ניט גיוואוסט האב איך מיך נאך גערעכט אויף איין ביזין זונטאג אין חדר דארט פון רבין, דר דאנערסטאג וואר נאר איין קיצור ימים*) דען אין דעם כאנ האב איך שוין גימוזט קלאר ווערען אין דעם וואס איך

האב

*) איינער האט זיך בדרך הלצה בעקלאגט דאס ער האט קיין מאל קיין גוטען דאנערשטאג גיהאט, אלם ער וואר נאך ביי דער מוטער אין בויך פלעגט ער ווערען אום דאנערשטאג דארט געדריקט פון דיא קרוצקע, מעל, אונ פלייש, וואס דיא מוטער האט אנגעהאצעט אין פארטוך אויף שבת, אלם ער איזט גיבארין גיווארין פלעגט ער דאנערשטאג בלייבין אן נאל שרייענדיג פון הונגער ווייל דיא מוטער איז אוועק אין נאס צו

מאכען

האב גילערנט אגאנצע וואך , אונ דיזעם פלעגט זייער שטירמיש צו צוגיין, זייער אפט פלעגט מען צו שטיין מיט איינם הוילען הינטער לייב ביי דעם לערנען אונ דער רבי פלעגט צו שניידען דיא הויט מיט איינעם בונט ריטער פאר דעם מינדעסטן פערזעהן , אזי עס שוידערט מיר נאך פון שרעק ביי מיינעם דער מאנען מיך נור אן דעם , אונ וואס דער רבי וואר שטריינגער וואר ער אלס מעהר תקיפער ביי דיא בעלי בתים , זעלבסט בעלי בעסליך פון צוועלף יאהר ווארען אויך ניט פערשוינט פון אזעלכע בעהאנדלונגען .

אלזוי וואר דער חדר איין אנשטאלט (זאוועדענע) אום צוא פארדארבען דארט דיא אידישע יוגענד קערפער אונ גייסט צו זאמען אוים צוא לעשען דעם מוחה , אונ צוא ערשטיקען ביי זייא אלע איידעלע געפיהלע פאר שיינעם אונ ערהאבענעם אונ דער צו נאך וואר נאך דארט איינגיפלאנצט אין הערצין איין גרויסער האס אנטקעגין דער גאנצער וועלט אונ איינע פעראכטונג געגען אלע וויסענשאפטען , געגען קונסט אונ האנד ווערק .

5.

# דיא דרייא שרעקליכע אומגליקען

דיזע הארטע שולע האב איך שטודירט ביז מיין צעהנטען יאהר

---

מאכען איין איינקויף אויף שבת , אונ פלעגט זיך פערגעסען צו קומען צו ריק , אונ נאך הער אלס איך בין גיווארין אלט איאהר פינף אונ האב אן גיהייבין צוא גיין אין חדר פלעגט מיר דער רבי אראפ נעמען דיא הויט דאנערשטאג דאס איך זאל קענען וואס איך האב גילערינט אגאנצע וואך , אונ אלס איך האב התונה גיהאט פלעגט דיא ווייב בעטען אום דאנערסטאג אויף דעם היילינען שבת .



יאהר איין מארטער אנשטאלט (זאוועדענע) וואס איך האב דארט נאך גימוזט עהערן אונ שעצען מיינע פייניגער אונ קוסען מיין צוכט רוטהע , אונ וואס איך האב מיינע בעפרייאונג פון איר גיהאט צו פערדאנקען נור דרייא גרויסע אומגליקען וואס האבין מיר דאן אין מיינער גרויסע אונוויסענהייט דאהער געשיינט פאר דרייא גרויסע גליקען אין איינעם יאהר .

דאס ערסטע וואר מיין פאטערס טויט , דען ער איזט געשטארבין אין מיין צעהנטען יאר , איך האב אים בעוויינט ניט פון הערצען נור וייל איך האב געמוזט וויינען , וויא איך האב גימוזט וויינען ראש השנה אין דאבנען ווייל מיין פאטער האט מיך דער צו גיצוואונגען אונ איצונד ווייל מיינע מוטער האט גיט דורך אוים גיוואלט , דען וויא דיא ווארהייט צוא זאגען האב איך מיינעם פאטער ניט גיליבט , ווייל ער האט מיך דיער שטריינג בעהאנדעלט , אימער גישאלטען זיך גיביייזערט אונ גישלאגין , גימאטערט מיט דעם לערנען אונ מיך פעראכטעט פאר וואס איך האב קיין חשק צום לערנען , אונ בין אלזוא אין הדר דער ערגסטער איגעל , אונ באמת וואר איך אקינד מיט אגוטען קאפ , אונ האב ניט גיוואלט לערנען נור אוים דעם גרונד וואס איך האב גיהאסט דעם חדר דען איך בין גיוועזען איין פרייע פויגעל פון מיינע קינדעשע יארען אן , איין פרייטאג געגנט מיך פערזעצען אין זיבעטען הימעל , אונ דאהער האט מיר דאן גערוכט דאס איך האב דורך זיין טויט נור איין מיינער פארלארין אונ ווייטער גיט , זיין שטארבען האט גימאכט גרויסע ענדערונג אין אונזער הייזליכער לעבען , דען האט האט געפעלט דורך דעם צווייא פלייסיגע הענד צום פארשטאדט , אונ דיזעם האט געמוזט מיינע מוטער זעלבסט שוועצן (ממלא זיין) זיא האט שוין אויפגיהערט צו פארין אויף ירידין אונ האט זיך אליין גינומען צוא דער ארבייט , דיזער פאל האט אזוי ווייט (פערמינדערט) דיא פערדינסט , דאס

דאס מיינע מוטער וואר דורך דעם געצוואונגען אפ צוא שאפען אײנע געדונגענע מײדעל וואס האט גערײט דיא שפין ראד אונ האט עס פעריכט דורך מיך , אונ האט אלזוי דורך דעם געמאכט אײנע דאפעלע אקאנאמיע , ערסטינס האט זיא פארשפארט צו צאלין דיא מײדעל אהאלבין רובל אוואך אונ צווייטינס האט זיא אויף גיהערט צו צאלין שכר לימוד פאר מיר, עס האט מיט מיר גילערענט מיינער איין עלטער פעטער מער ניט וויא אום שבת ווייל אנאנצע וואך וואר איך פערנומען בייא דעם ראד אונ וואר מיר גאנץ צו פרידין מיט דעם , דען איך האב קיין גישרייא גיהערט , קיין קלאפ בעקומען , אונ פלעג נאך גיקוקט ווערין אײניגע מאל אין טאג פון מיינער מוטער אונ בענעצט ווערען פון איהרע טרערין , דען זיא פלעגט מיך העכסט בעדויערין וואס זיא האט מיך אפגעריסין פון חדר , אונ מאטערט מיך דיא ראד דרייען .

קוים האט אנגעהייבין דיא ערסטע וואונדע צו פערנארבען (צו פארשטרופען) דען דיא מוטער וואר שוין גיוואוינט מיך צו זעהן בייא דער ראד אונ צו בעקוועמען זיך (מסתפק זיין) מיט איהרע ווינציגירע פערדינסטין , האט זיך דאן אנגעהויבין צוא הערען אגרויסע גזרה וואס האט מרעיש גיוועז גאנצע אידישע וועלט פון גרונד אויס , עס האט זיך אנגיהויבין צו הערען דאס אין קורצען וועט ארויס איין אוקאז דאס איין מיידעל וועט ניט טארין חתונה האבין פאר זעכצעהן יאר , אונ איין אינגעל פאר אכצעהן יאר , אונ עס איז גיווארין דורך דעם אײנע גרויסע בהלה אין גאנץ ליטע , רייסען , וואלינען . דאס הייסט מען האט אן גיהויבין חתונה צו מאכען אכט ניין יאריגע קינדער אונ נאך אינגערע , עס וואר קיין שטאט פערשוינט פון איר (פון דער בהלה) אונ פשיטא אונזר שקריפ שטעטעל וואס ליגט נאר אן אזייט , אונ שטייט מיט דער גרויסען וועלט אין איין גאנץ קנאפע בעריהרונג אונ בעקומט אלזוי נאכריכטין פון איר (פון

דער



דער וועלט) נור דורך מאנכען שנארער , שלעפער , אומטרייבער וואס זיינען וואונדער דער ציילער , פאצטען טרענער , דיזע האבין דיזע נייעקייטען פערשלעפט אהער גאנץ בעצייטען נאך מיט דאראטקעס , מיט רמזים פון זוה״ר , אונ דאס אין רייסען פאסט מען שוין דאריבער . אין ווילנא איז מען שוין צו ענדע מיט אלע חתונות דאס הייסט דאס עס איז ניט געבליבין אקינד אין וויג וואס האט שוין ניט איר בעשערטען , אלע צו גלייך ארעם אונ רייך , אכצעהן הינדערט יתומים האט חתונה גימאכט צדקה גדולה , לבד רייכע בעזונדערטניקעס , קורץ דער פון , דיא שטעטל האט זיך ניט גילאזט שטארק בעטען , אונ מען האט אנגיהויבין חתונה צוא מאכען קליינע קינדער , אין אנפאנג ווארען פערהייראטהער נור צו פיר פינף פאר פאלג , נאכהער וואר דיא גאנצע שטעטעל פון דיזער מאניע (יאראסט) ערגריפין , אונ עס וואלט דער ווייסט וויא ווייט דיזע הייראטסוואוט (זוכט) געשטיגען , דען זיא איזט גיווארין צוא העלער פלאמע וואס צערט אונ פערזערט אלעם אום זיך הער ווען עס וואלט זיך ניט ווארפען אין מיטעל דער רב אונ האט עס אביסעל איין גילאשין , אונ עס ווארען אם ווייניגסטין זיבען אכט יאריגע קינדער פערשוינט .

וואס אבער מיך האט אן בעטראפען (נוגע גיוועז) איך בין פערשוינט גיווארין , איך בין געבליבין אבחור , אונ דאס איך נור צו ליב דעם וואס איך האב גיהאט צוויא עלטערע שוועסטער פאר מיך דרייצען אונ פערצעהן יאהריגע מיידכען אונ זייא זיינען געפאלען אלס ערסטע אפפער צוא דיזער הייראטספעסט , מיינע מוטער האט זייא חתונה גימאכט מיט צווייא בחורים וואס זיינען אויך גיוועזן שלייער מאכער אונ האט זיך צוא ליב דעם גאנץ אונ גאר רואינירט (חרוב גימאכט) דען זיא האט געמוזט פערקויפען דיא הויז מיט דער קוא , אונ האט אפ גיגעבין אין נדן אונ זיא אליין אונ איך זייען געבליבען

העכסט

העכסט עלענד אונ ארעם , דאס מיר ביידע ווארען גיצוואונגען צוא פערדינגען זיך צוא דער ארבייט ביא איינעם אנדערען שלייער וועבער , אונ מיר ביידע האבין פערדינט מיט גרויס מיהע אונ שווער נויט צעהען גילדען אוואך , אונ ערסט דאן האב איך אנגעהויבין צו פערשטיין וואס הייסט עס אן אפאטער צו זיין , איך פלעג מיך מוזען לייגין שפעט אונ אויפשטיין פאר טאג אונ דרייען דיא ראד גאר אן אויף הערונג וויא דער וואסער דעם וואל פון מיל .

III מיר זיינען אבער מיט דער צייט דער צוא אויך גיוואוינט גיווארין , אונ האבין אונז צו פרידען גישטעלט , דאך אונזער שיקזאל איזט נאך ניט מידע גיווארין צוא פערפאלגען אונז , ער האט אונז מיט איינער דריטע זאך נאך מעהר וויא גיטאן אלס מיט דיא צוויא פארינע , קוים האט זיך דיא בהלה איין גישטילט , אונ דיא פערהייראטהעטע האבין זיך אנגעהייבין שוין צו נטן וואס אונטער זייא ווארען אויך מיינע ביידע שוועסטער וואס האבין זיך אויך גיכוזט שטעלען דינען וויא מיר ביידע ביא אנדערע שלייערוועבער , האט זיך אנגעהייבין צו הערען איין שווערער נאבאר , צעהען פון מויזענד , אונ אגוטער פריינד פון מיינער מיטער וואס וואר אצלען פון קהל , האט גילאזט מערקען מיינער מוטער , דאס איך איר איינציגער איינגעל איז געצייכענט אין דעם רייסטער פון דיא קינדער וואס זאלין אפגיגעבין ווערין אין דיזען מאל , מיינע מוטער האט עס אפילו אין אנפאנג ניט גיוואלט גלויבין ווייל איך בין אבן יחיד , אונ דער צוא נאך אקינד פון אשיינעם טאטען , ער אבער האט זיך דער פון אויס גילאכט אונ האט איר גיזאגט ווען דוא גלויבסט מיר ניט וועט בלייבין דער יתום אונזערער*) , זיא האט עס

דער

*) עס איזט דארט אזוי איין שפריכווארט „דער יתום בלייבט אונזערער" דורך איינע אנטווארט וואס אריכער שניידער

דאט



דער הערט אונ איז אוועק פון אים געבייגט אין דרייען , אונ האט מיך אן גיהייבין צו בעהאלטען , פון איין ארט אין דעם אנדערען ארט ביז עס איז איר אזוי איינג גיקומען מיט מיר ביז זיא האט מיר בעהאלטען אין קארין , איך בין דארט גילעגען רונדע צוויא וואכען , אונ בין אויס גישטאנען קעלט אונ היץ , טויא אונ רעגען , אונ האב גיהאט דער ביא גרויס שרעקען צו ריסע; ווערען פון גאנצעם (יאכט הונגרע) וואס האבין מיך אויפגעשפירט דארט , צום גליק זיינען באלד אן גילאפין דיא יענער האבין דיא הינט בערוהיגט אונ מיר האבין זייא געשיינקט צוויא גילדען , דען זייא האבין פערשטאנען וויא אזוי איך קום אהער , אויך פלעגט זיך מיך דוכטען ביא נאכט דאס עס טאנצען ארום מיר שדים , עס גייען מתים , איך פלעג צוא זעהען מיינעם פאטער אלע נאכט צו חלום , אונ ביא אלעם דעם בין איך געבליבין גיזונט , איך וואס מיט איאר צוריק בין גיוועזן איין ציטעריקעס קינד דאס אבעהעלפער פלעגט מיך מוזען אוועק פיהרין אין חדר , אונ אפ נעמען פון חדר , אונ אריבער טראגין איבער אבלאטע , אונ וואס איך האב מיך געפירכטעט ארוים צו שטעקען אנאו אליין ביא נאכט, גישלאפין לעבין דער מוטערס בעט , נון בין איך גיווארין אהעלד צוא נאכטען אליין וויא איין ווילדער פאגעל אין קארין , אזוי מיינע ליבען איינע ריכטיגע לעהרע דאס מען קען פון נויט צוא אלס

גיוואוינט

האט אמאל גיזאגט צוא זיינעם אמחותן אלמדן אלס ער איז גיקומען אים מבקר חולה זיין אין זיינער קראנקהייט „נישט קשה מחותן שרעקט אייך ניט , איך וועל אנדערש ניט טאן , איך בין אוואורטס מאן גם טאג זיך מאכען מיט אייך וויא עס וויל , דער יתום אייערער בלייבט אונזערער" , „וועלכער יתום ? האט אים יענער גיפרעגט„ איך מיין עס אייער זון וואס מיין חתן איזט„ האט ער אים גיענטפערט מיט איינעם פריינדליכען געזיכט :

גיוואוינט ווערען , מיינע מוטער פלעגט מיר אלע טאג צוא ברייננען אהין אקריגעלע וואשער מיט ברויט , אשטיקעל קעז , אמאל אניבעק , כלעגט זיך אן צו ווייגען איבער מיך און אוועק צו גיין מיט ווייהעמוטה , און אזוי זיינען איבער גילאפין איבער מיר דארט צוויא רונדע וואכען און דיזער ארט איז מיר אין דיזע קורצע אבער לאנגוויילינע צייט אזוי ליב גיווארין דאס מיט ווייהעמוטה האב איך מיך נאך הער געטרענט פון אים , אלזוי איז עס אויסגעמאכט דאס דער מענטש איז איין קינד דער געוואונטהייטען נור און דאס דער פערשטאנד שפילט ביי אים דיא קלענסטע ראלע און ווען ער צייגט זיך קלוג צוא זיין, איז עס מיט נויטען נור און פון קורצען דויער וויא דאס שלוו שטיין פון איינעם שוים הונט וואס פאלט באלד צוריק אויף אלע פיר וויא נור מען פערקוקט זיך , אזוי גיפינען מיר אין דער גרעפעם געשיכטע דאס דיא פריינקעשע בויערען האבין גימוזט געצוואונגען ווערען פון דער רעגירונג מיט ביינצען היבע (קנוטעס) דאס זייא זאלין פון איר געגעבענע בעפרייאונג פון זייערע פריצים אן נעמען , מאנכע לויז גילאזענע גיפאנגענע האבין גיבעטען דאס מען זאל זייא צוריק אין אסטראג אריין נעמען , פאלגליך (אלזוי) איז שוין צו גלויבין דאס ווען מען וועט ערפינדין איין מיטעל דאס מען זאל ניט שטארבען וועלען פילע ניט וועלען איין געברויך מאכען דער פון , וויא אמאל אונזערע אלטע ראבינער האבין אין אנפאנג גיאסרת צו געברויכען גישטעלטע פאקין*).

אם

*) שיין איז צו לעזען אין דער געשיכטע וואס עס האט זיך גיטאן און צו גיגאנגען אלס עס איז ערפונדען גיווארין דיא פייער גיוועהר (ביקסען און הארמאטען) דיא אלטע העלדען האבין ניט גיוואלט קיין געברויך מאכען דער פון און ווארען שטאלץ אויף זייערע בויגענס וואס זייא האבין גיהאט בירושה

כין

ווי מע פאַרקליידט זיך פאַר אַ גוי



6.

## „דיא פלוכט (אנטלייפונג)״

אם שלום (ענדע) פון דיא צווייא פערשטעקונגס (בעהאלטונגס) וואבען ווארען מיר שוין אונמעגליך דארט לייננער צו פערבלייבין ערסטענס ווייל דיא קארען וואר שוין צייטיג , און האט גידארפט היינט מארגין גישניטען ווערין , און צווייטענס ווארען שוין פילע מיטוויסער פון מיינער בעהעלטניס, און האב אלזוי גימוזט דיזען ארט רוימען (ראמען) , און וויל עס וואר מיר פיל מער געפערליכער צו גיין אדער צו פארין אלס דארט צו פערבלייבין , דען דיא חאפארעס פון יעדער שטעטעל האבין אויפגיפאסט יעדע שטענעלע יעדע וועגעלע יעדע קרעצמע יעדער דערפעל אום אויף צוא פאנגען מאנכען לייפענדען כחור , אינגעל וויא דיא הונדע איינעם פערשייכטען (פעריאגטען) האז , האט מיינע מוטער גיפונען פאר הערכסט ראטזאם דאס איך זאל מיך פערקליידען פאר אשיקסעל , און האט אין איינער פינסטערע נאכט גיבראכט אין אפעקעלע אגאנצען אנצוג פון אדארף שיקסעל , האט עס מיר אן גיטאן , האט דארט לעבין מיר גינעכטיגט און וויא נור עס האט אנגיהויבין צוא טאגען איז זיא אריין מיט מיר אין וואלד און דארט האבין מיר אנגעקליבין צווייא לאדימציקעס וואס זיא פלעגט מיר צו בריינגען אין זייא גיסען רויטע יאגדעס , און דאן האט מיינע מוטער אויס גיטאן שיך און זאקין זיך און מיר האט זיא ארום גיבונדען דעם קאפ מיט אגידרוקטע פאציילע און זיך איינגעוויקילט אין איינער

נאמיטקע

פון זייערע אבות אבותיהם , און האבין אלזוי בעצאלט פאר דיזען (עקשנות) מיט זייער לעבין אין דיא ערשטע שלאכטען , דען מען האט זייא טויט גישלאגין וויא דיא הונדע , און אזוי איז עס צו גיגאנגען מיט אונז אויך ביי דיא קליידער אומטוועקסלונג .

נאמיטקע דאמיט זיא זאל אויכזועהען וויא איינע עכטע בויערין, און אזוי זייען מיר ארויס מיט דיא לאדיסקעס אויף דיא הענד אויף דעם גאסצינעס.

נון ווער דיא פראגע מיינע „מוטער וואו הין?“, „קיין אילון מיין קינד“ ווער איר אנטווארט. איינע גרויסע אידעשע שטאדט, דיין זעליגער פאטער האט דארט קרובים, ער האט דארט בחור ווייס איינינע יארין פערלעבט, האט אין איר פיל גוטעס גינאסען, און פלעגט איר אימער צוא רופין דיא ליטוועשע ירושלים, וייל זיא האט אין זיך פיל תורה, פיל צדקה, און אירע איינוואוינער זיינען איידעלע לייט, אלזוי האפע איך דאס דוא וועסט דארט געזיכערט זיין און האבין איין גוטעס אונטער קומען“.

אונזער פוס רייזע אהין אדער וואנדערונג האט גידויערט מער אלס פיר וואכען, דען מיר זיינען גינאנגען אלץ צו פוס פערשטעלטער הייט מיט דיא לאדעסקעס יאגדעס אין דיא הענט דאמיט מען זאל מיינען דאס מיר זייען פון איינם נאהענטען דארף, און דאהער האבין מיר אונז גימוזט גענעהרען פון אונזער אייגענעם גראסין זאנגט וואלט מען אונז עסען גיגעבין אומזאנסט אין דיא קרעצמעס, דען עס ווער דארט אין יענער צייט גרויסע גאסט פריינדליכקייט (הכנסת אורחים) ביי דיא דארטינע ישובים, איינע מדה טובה וואס פראנקרייך און דיא געבילדעטע מייצלאנד דארף זיך שעמען געגען זייא, און וייל מיינע מוטער וואר קורץ מיט דער הוצאה האט זיא זיך מיט מיר געמוזט אונטער וועגענס פערדינגען צוא ארבייטען מאנכען טאג אין דיא פעלדער אין גערטנער.

אויף דער גאנצע רייזע אונזערע איזט ניט גיוועזן דער טאג וואס מיר פלעגען ניט אנטרעפען אויף דעם וועג דאס תאספארעס שלעפען גאנצע בריקעס מיט קליינע קינדער און דיא ארעמע און אונגליקליכע מוטערס זיינען נאך גילאפין וויא דיא

קיא



קיא נאך דיא וועגען וואס ליגען דארט זייערע קעלבער גיבונדען, און אזוי אויך טראנספארטען באנדע פון קליינע אפגיגעבענע רעקרוטלעך פון דעם פאריגען נאבאר וואס זיינען פערבליבען אין דיא שפיטעלער און האבין זיך פערשפעטיגט ביז אהער, זייא ווארען אין דיא גרעסטע היצען גיקליידעט אין גראבע גיווענטענע פלאסצען צוא צוואנציג אויף אפור, און ווארען בעוואכט מיט סאלדאטען, מיינע מוטער האט עס גיזעהען און געוויסט אירע אויגען און מיר האט עס אין גאנצען אונטער גיהאקט דיא פיס פון שרעק און פון זארג דאס איך האב ניט גיקאנט גיין.

אזוי פיל אנגסט און ליידען בין איך אויס גישטאנען אין מיינער צארטעסטען קינדהייט, אלזוי מיינע ליבען ווער דיזע רייזע קיינע לוסט רייזע, איינע רייזע ווידער ווילין, איינע רייזע וואס האט מיך פערליידעט (שמערצליך געמאכט) דיא גאנצע שטרעקע (מרחק) פון פערציג מייל וואס איזט פון מיינער שטעטעל קיין אילון, יעדער קרעצמע יעדער דערפעלע איז מיר גיבליבין וויא איין שמערץ דארען שטעקען אין מיין געדעכטניס (זכרון), (דיא שטעטלעך האבין מיר אויס גמידען אויס קלוגער פארזיכטיקייט), און דער נאמען ליטע בכלל ערוועקט אין מיר נאך עד היום איין שוידער און איין ווידער ווילען, און זיא קומט מיר פאר עפעס וויא איינע אוטאפיע (אזוי אלאנד וואס איז נור אויס גיטראכט גיווארין, און באמת איזט זיא ניט דא און קען גאר ניט זיין).

## 7.

## HUMAN MERCHANDISE „דיא אכסניא“

מיר זיינען אריין קיין אילון אדאנערסטאג אין דער פריא און האבין איין גיקערט אין דער זעלבע אכסניא וואס דיא מוטער פלעגט אהין פארפארין מיט אירע שלייער, נון פערשטייט זיך פון זעלבסט דאס דיזע אכסניא האט ניט גיהערט צו דיא

בעסטע

בעסטע, עס פלעגען אהין צו פארפארין אורחים פון דיא קליינע
שטעטלעך וואס הייסט דארט (קאלטיזניקעס), זיא איז בעשטאנען
פון צוויא גרויסע הייזער מיט אגרויסען פארהויז, עס וואר דארט
אשמוץ צום ערבארעמען, אונ דער צוא נאך העכסט איינג,
דיא ערסטע שטוב וואר ביז האלב פול מיט פעקלעך סחורה אונ
מיט זעקלעך זאכען, מיט קליינע קעסטלעך, קערבלעך,
פעסלעך, צו זאמען גיווארפען ביז דעם באלקען, דיא אנדערע
העלפט וואר פול מיט ווייבער אונ מאדען, אטייל וואס זיינען
גיקומען דינען אמען ווערען, אטייל שידוכים טאן, אטייל אום
זיך צו פערהעלפען, אלע ניט היגע, נור איניגע ווארען היגע
וואס זיינען כע־לערקעס פון דינסטען אדער דינסטען וואס זיינען
זיך גיקומען זעהען מיט זייערע עלטערען, עס וואר זיך דארט
גיסודעט זייער שטארק אביסעל אונטער געזיפצט אונ צו גיוויינט
אונ פאר געווים האבין זיא גיהאט וואס צו וויינען • דען זייא
האבין אלע אויכגיזעהען, העכסט ארעם אונ עלענד.

אין דער צווייטע שטוב וואר נאך פיל איינגער אלס אין
דער ערסטע שטוב, נור ניט פון פעקלעך אונ פון מיידען אונ
ווייבער עס וואר נור איינג פון מאנס לייטע אליין, אטייל פון
זייא האבין נאך גידאבענט, דען עס וואר דארט אמנין, אונ
אטייל האבין גיהאט צו טאן איינער מיט דעם אנדערען וועגען
גישעפט, דארונטער האבין זיך אונטער גיקרייט הענער,
אונטער געוויינט זייגעדיגע קינדער וואס ווארען גינאנצעט אין
דיא הענט פון דיא ניט היגע פרויען וואס ווארען אין פאדער
שטוב, אונ דא איזט איין פורמאן אריין אפורמאן ארויס אום
אוועס צו לייגעז אונטער דעם עמוד אדער ארויס צו נעמען פון
דארט אזעקעל האבער, אבייטש, אקולבאצקע, אונ דער ביי
אונטער גישפרונגען קדוש, גיענטפערט ברכו קורץ דער פון
עס וואר דארט אלארעם וויא אויף איין יריד, אונ אליץ וואר
פערמישט אין איינעם, אונ ערסט נאך דעם דאווענען האט זיך

או



גיהייבין איין עטוואס. איין צו ארדענען אונ צו גרופירען (צו
רען בעזונדערע קופקעס) אונ עס האט אויך אנגעהויבין
ווערין רוהיגער אונ שטילער, דאס עס וואר שוין לייכט צו
קען אונ צו פערשטיין דיא בעשאפענהייט (עצמית) פון יעדער
פע (קופע) בעזונדער.

עס ווארען צעהען אבטיילונגען יעדע אדזאל בעזונדער האט
דאן בעשעפטיגט אליך מיט איינער בעזונדערע זאכען, איין
1. פע (קופע) וואר פון בעלי תפלות אונ משוררים (דען עס
ר שוין אלול דרויסען) וואס זיינען גיקומען אהער צו זוכען
טער אויף מוספים צוא דאוונען, עס וואר זייא עס זייער
ט אן צו זעהען דאפיר, דען זייא זיינען גיוועזען אלע מיט
ר ויקעלטע העלזער אונ האבין זיך ביסלעכווייס אונטער
גען, דיא צווייטע גרופע (קופע) איזט בעשטאנען פון
2. תנים, חתנים, אונ שדכנים, דען עס וואר דארט זייער
ארק גירעדט פון יחוס, פון נדן, פון גוט לערנען, פון עלוים
דאס גלייכען, איינע דריטע גרופע איז בעשטאנען וויא
3. האט אוים גיזעהען פון בוררים, אונ פון טוענים, עס וואר
רט שטארק גילארעמט אונ מיט דיא פויסטען אן טיש
4. אגין, דיא פערטע איז בעשטאנען פון איין אתרוגים שותפות,
ואר דארטן אויך זייער שטארק גילארעמט, דיא פינפטע גרופע
5. בעשטאנען פון איין ארט קאנסולעם פון צורולניקעס וואס דינען
הקדש וואס וואר גימאכט ארום איונגען מאן וואס איז גיקומען
דוך טאן אין אילון, דיא שרעקליכסטע אונטער אלע
קליכסטע גרופען (פערזאמלונגען) וואס קען נור געבין אויף
עס וועלט וואר פיר מיר דאן, דיא גרופע (קופע) פון איינער
6. ין שטעטלשע אפצעסטווא וואס האבין גיהאט אין איהרער
ע פינף קליינע קינדער (זיבען אכט יאריגע) אום אפ צו געבין
א דא אין ווילנא, דיא קינדערלך זיינען זיך גיזעסען מיט
בראכענע הענטלעך אויף דער ערד אונ האבין אריין

גיקוקט

גיקוקט ווילד וויא דיא רעבהינער אין נאטעס וועלט ד
אייגעלעך רויט גיוויינט , ניט ווייט פון זייא איזט גיזעס
אפאטער פון זייערע צווייען מיט איין פארצערטע: אונ אי
גיפאלענעם נעזיכט וואס זיינע אויגען האבין שטארק גיקוק
אויף זיינע צוויי קליינע קינדר אונ נאך האב איך אין מיינעם לעב
ניט גיזעהען אזוי איין קאנטראסט (הפך) וויא עס וואר דא
צוא זעהען צווישען דיזעם אונגליקליכען פאטער , אונ ד
אבציסטוויגע וואס זיינען גיזעסען ארום טיש וואס וואר גידעק
מיט אלעם גוטען , מיט שנאפס , מיט קעז , פוטער , זעמעל
אונ וואס זייא ווארען העכסט מונטער , לעבענדיג , אונ האב
צווישען זיך גישפראכען נור וויא מען זאל איינארדענען ד
פאפירען , אונ ער דער פאטער וואס איז זיך גיזעסען וויא א
בענגראבענער , אפערשמאכטער דען ער האט שוין גיוויס פ
פילע טעג קיין ווארעמע לעפעל וואסער פערזוכט , דיזע שצנ
האט מיך אונ מיינע מוטער פיל מער ערציטערט אלס ד
פאריגע שצענען וואס מיר האבין אויף דער רייזע גיזעהען .

מיר האבין אונז אין דיזער אכסניא פערזאמט קוים א
שטינדען , אונ דער נאך האט מיך מיינע מוטער אום געקלייד
צוריק פאר אאינגעל אונ האט מיך אוועק גיפירט צוא אונז
אקרוב אשיינער באלעבאס , מיינע מוטער אבער האט א
גיהאלטען פאר פיל מעהר קרוב אלס ער וואר באמת , דען ד
וואר מיט מיינעם פאטער איין שלישי ברביעי נור , נור די
גוטער מאן האט אונז זייער פריינדליך אנגנומען אונ ה
אונז בעהאנדעלט וויא איין גאנץ נאהענטער אונ דער צו נ
וויא איין גאנץ הייסער קרוב , מיינע מוטער האט אים ד
ציילט אלעם וואס מיר ווייסען שוין , האט פאר אים גיוויינט
אונ האט פון אים פערלאנגט מער ניט דאס ער זאל זעה
דאס איך זאל קענען פערבלייבען אין אילון , אונ זיא ה
עס בייא אים געפויעלט , אנאנ[illegible]ע אכטאג ווארען מיר ביי

בייא



א אים אין שטוב אויף זיין טיש , אונ דער ווילע האט ער
ים גיפירט דאס מען זאל מיך אריין נעמען אין תלמוד תורה .

## 8.

## "דיא תלמוד תורה"

איך בין אן גיקומען אין תלמוד תורה , אונ באלד
רויף איזט מיינע מוטער אוועק גיפארין צוריק , מיין שיידען
מיט איר וואר העכסט שמערצליך , מיר האבין אונז איין
יינט גינוג הייסע טרערען איינער אין דער אנדערענס אויג ,
סבענם ווייל זיא אונ איך האבין זייער גוט גיוואוסט אין וואס
ר איין עלענדע לאגע איך פערבלייב דא , דען וואס נאך
נדר אונ פערשמאכטעטער ער האט גיקענט דאן זיין אין אילון
א אאינגעל וואס גייט אין תלמוד תורה*) דען וויא אויך דיזע
אט האט זיך דאן אויס גיצייכענט מיט איהרע צדקות , מיט
רע מעשים טובים , מיט איהרע שבתים , ימים טובים אונ
רע פילע תורה איז זיא גראדע מיט איהרע תלמוד תורה
באנען הינטער פאר אלע תלמוד תורות פון אנדערע שטעט .

זיא האט צוואר גיהאט דאן אזוי גאר איין איינענעם הויף
צוא וואס האט גיהייסען תלמוד תורה הויף , בייא אלעם
ם ווארען דארט דיא לאקאלען (חדרים) גאנץ אונ גאר ניט
יינעט דער צו , דען זייא ווארען גאנץ קליין אונ נידעריג ,
גאנץ אונציכטיג , עס זיינען גיגאנגען דאן אין איר צווייא
ערט קינדער פון פערשיידענעם אלטער (עלטער) פון פינף

יעריגע

*) דער נאמען תלמוד תורה אונ הקדש וואר דאן איין
קענם ווארט אין אילון ווען מען האט גיוואלט איינעם שימפען
ם מען אים אויף גיווארפין דאס ער איז גיגאנגען אין תלמוד
ה , אונ ווען מען האט גיוואלט פארשטעלען איין שטוציגען
יינונג האט מען גיזאגט ״עס איז איין הקדש״ .

יערינגע ביז דרײצען יעריגע אלע אין אײנעם*) דאס רוב יתומי
פון פאטער אונ מוטער , אטײל קרעציקע , אטײל פארהעװאט
אונ אטײל בעהאפטעט מיט אנשטעקענדע קראנקהײטען , אונ
דיזע אלע האבין גיגעסען אונ גישלאפין אין אײנעם אונ דער צ
נאך העכסט אונזױבער גיהאלטען , װארען געקלײדעט העכ
אײנפאך , אונ העכסט אונבעקװעם , אין גראבע העמדער װא
פלעגען גיװעקסעלט װערען אײן מאל אין צװײא װאכען , אונ
פלאצײנקענע ארבע כנפות , אונ פלאצײנקענע קאפאטקעס , א
הױזלעך , אונ אין ריפשענע קאלפאקעס גישטעפט אויף פיל
אונ אין גראבע שיך אונ זאקין , אזוי װארען מלובש אנאנ
יאר זומער אונ װינטער , גישלאפין האט מען אויף נאר
אגרויסער סעניק אונטערען זײט אונ אקלײנער סעניק צו קאפ
צוא גידעקט װאר מען מיט אײנער דעקע זאלבעדריט אדע
זאלבעפערט װאס װאר גימאכט פון גידרוקטע לײװענט , אונ
גישטעפט אויף פילץ .

דיזע אלע איבעל דארט װאר דאך אבער ניט װײל די
שטאט װאר דאן ארעם , ניין לינאװער צדקה גדולה װאר
אויך רײך , דאס הײסט האט גיהאט גרויס הכנסה , אונ ה
אלזוי זײער לײכט גיקענט דיזען הײליגען אנשטאלט פיל בעס
אײנריכטען , עס האט אבער גיפעהלט אן אײנער לײטענ
האנד , דאס הײסט עס װאר דאן דארט נאך קײן ציװיליז
מענטש װאס זאל עס אים קימערען אונ אזוי גאר פערש

בעסער

*) עס איז העכסט דער װידער דיא זיטליכקײט ד
קלײנע קינדער זאלין ערצויגין װערען צו זאמען מיט גרויס קינד
װײל דיא עלטערע האבין שוין אזוי איין װיסען אונ אזוי אבער
װאס דיא קלײנע דארפען עס נאך ניט װיסען , אונ
זײא װערען עס גיװאר פאר דער צײט װערען זײא הע
פערדארבין .



בעסער אײן צוא ארדענען , עס װארען דאן צװאר גבאים
לומדים אונ נגידים , זײא װארען עס אבער דעם נאמען נאך
נור גבאים , אבער ניט אין דער טהאט , זײא זײנען אין
דעם גאנץ װײניג געלעגען , דיא פיהרער װארען דארט נור
דיא מלמדים אונ דער געספאדער װאס יאר איבר דעם װאר אויך
איין העכסט אונװיסענדער מענטש , װאס אין אלגעמיין (בדרך
כלל) װארען זײא מעהר זײערע פײניגער אלס זײערע ערציהער ,
דען יעדער פון זײא װאר בעװאפענט מיט אײנעם רימען אדער
מיט אצוכט רוטהע .

אונ נאך האבין ניט דארט דיזע עלענדע געשעפע גענאסען
איינע צערטליכע בעהאנדלונגען פון אײנער פארנעהמע דאמע
זײא דא אין פראנקרײך . דאס דיא גרעסטע דאמען בעזוכען
טאג טעגליך אזוי איין אנשטאלט , גיבען אכטונג אויף דיא
רײנטליכקײט , אויף דאס עסען , אויף דיא בעטשטעלען ,
מאכען פאר זײא קאלעקטען (נדבות) , בעשײנקען זײא מיט
שנופטיכלעך , נעמען מאנכע מיט זיך צו הויזע , בעשטעלען
ארעמע פרויען זײא צוא רײניגען , צוא קעמען , צוא װאשען ,
צײגען זײא איינע פרײנדליכע מינע , אונ מאכען זײא גוטע
פארגעניגען , נײן צײט דיא תלמוד תורה איז איין תלמוד תורה
האט נאך קײנע פארנעהמע אידעשע דאמע ארײן גישטעקט
דיא נאזע אהין , דיא אורזאך איזט דער פון ערסטענס װײל
דיא אידעשע פרויען זעלבסט דיא רײכסטע װאר דאן נור דעם
מסחר ערגעבין , אונ װאר אלזוי טאג אונ נאכט פערדרײט אין
איהר גישעפט , אונ האט אלזוי גאר ניט געוואוכט דאס עס
עקזיסטירט (איזט דא) גאר אתלמוד תורה אין אילון , אונ דיא
װאס האט שוין יוא װאס גיהערט דער פון , האט זיא ניט
גיזאוכט אין װאס פאר איין שלעכטן צו שטאנד זיא געפינט זיך ,
צװייטענס װארען זײא דאן העכסט אונװיסענד , אונ װארען דאהער
נעריש שטאלץ (גראב געהײבען בײא זיך) דאס זײא האבין
עס גיהאלטען פאר אגרויסע ערנידערונג צו בעזוכען אזוי איין

עלענדע:

עלענדען אנשטאלט (זאוועדענע) וויא דיא תלמוד תורה וואר דאן*) זייערע הויפט טוגענדען איז דאן בעשטאנען נור צוא בעזוכען פלייסיג דיא שולען, צו ווארפען צדקה אין דיא פושקעס דארט אונ צו וויינען איבער זייא וויא איבער איינעם היילינען גראב אום נור צוא האבין איינע גוטע גילעגענהייט דער בייא אוים צו בעטען בייא גאט דער פאר חיונע און צער אונ דער צו עשירות אונ עהרע**), צוא געבין אויף הכנסת כלה, צוא טאנצען אויף ארעמע חתונות, איין צו געבין אספ' תורה, אונ אזוי אויך ווארען דיא מענער קיינע גרויסע מבינים אויף דיא

וואהרע

*) עס איז צו בעוואונדערען דעם פערפאסער (מחבר) וואס ער דער מאנט ניט דיא קלאסע פון דיא פרומע ווייבער וואס האבין דאן עקזיסטירט אין אילון, אלזוי וועל איך איבער זעצער, איין עטוואס דא אייך מיטהיילען, דיא דאמאליגע פרומע פרויען ווארען נור אלטע, אבגעלעבטע העקסט דומע ווייבס פערזוינע, על פי רוב אלמנות וואס זיינען גיהאנגען אויף זייערע קינדער אדער קרובים, זייא האבין עוסק גיוועזן אין הכנסת כלה, אין נחם אבלים, אין הלוית המת, פלעגען צו נעמען בייא דיא נוטשעס פרויען דיא נשמות, אונ בייא דיא לעבעדיגע פרויען דיא גילדענס, רובילס, אויך פלעגען זייא פרעגלען לאבונג פאר דיא ארעמע קראנקע, אונ האבין אלזוי מיט זייערע גרויסע אונוויסענהייט פיל מעהר גישאדעט אינזער שטאט אלס פעריכט, דען זייא האבין פערטעהרט די ארטוטה.

**) דיא ווייבערשע תחינות אונ זעלבסט דיא רבינו של עולם זיינען פול מיט אזעלכע בקשות וואס זייגען גראדע נגד דעם שכל הישר, וועט דען למשל בעטען איין ארעם מאן ניט מיר אשטיקעל ברויט מיט עטליכע פעריל, מיר וואלטען אים נעווים אויס גילאכט. אונ מיר שעמען אונז ניט צו בעטען בייא גאט (ותתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש, ועושר וכבוד).



וואהרע טוגענדען אלס זייערע ווייבער, ניט איינער פון זייא האט זיך בעקימערט אום דעם שלעכטען צו שטאנד פון תלמוד תורה, זעלבסט ניט אום דעם עלענד שטאנד פון זייערע ישיבות, דאס דיא קינדער האבין זיך גיוואלגערט אויף הוילען, אונ דיא העמדער ווארען צוא פוילט אויף זייא, אונ ווער רעט שוין פון אלטע געפאלענע בעלי בתים וואס האבין ניט גיהאט וואו אקאפ אנידער צו לייגען, זעלבסט אויף אייגענע אלטע עלטערן וואר גאנץ ווייניג געקוקט, אונ דאך וואר גיגעבין צדקה אין איר גאר אן אשיעור, צו אלער האנד שנארער וואס פלעגען זיך אהין אן צו שלעפען פון ארבע פנות העולם, אונ אפשטעלען זיך אין איר אויף אימער.

אט אזוי ווייט מיינע ליבען קען זיך זעלבסט דיא טוגענד פעראירען, אונ קען זייער אפט נאך פיל שעדליכער ווערען אלס איינע באזהייט, נון צוריק צו מיינער ערציילונג, איך האב צוואר שוין גינוג גישפראכען פון דיזען אנשטאלט (זאוועדענע) דאך בלייבט מיר נאך איבעריג צוא דער ציילען אונ צוא בענאכריכטען אייך וואס פאר איין ענדע עס פלעגט דאן דארט נעמען מיט דיא קינדער, דען ניט שוין זיינען זייא דארט פיר אימער פערבליבין גאנץ געווים ניט, אטייל פון זייא פלעגען אוים צוא שטארבען, אטייל פלעגען אפגיגעבין ווערען פאר רעקרוטען, דען דיא חאפערס פלעגען דארט אויך זייער נעץ אוים ווארפען, אקליינער טהייל פלעגען פון דארט אן קומען אין דיא דארטיגע קליינע ישיבות, דאס רוב אבער פלעגען אפ גיגעבין ווערען צו בעלי מלאכות אונ צו קימען קערער.

9.

## ישראלקע בולקע.

גאנצע דרייא יאר וואר איך אין דיזען אנשטאלט (זאוועדענע) וואס איך האב אין איר פיל מעהר פערגעסען אלס

דער לעהרענט און וואס איך האב אין איר פיל מעהר פערלארי
פון מיינע קרעפטען אלס עס איז מיר אין איר צו געקומען
גינונג וואונדער דאס איך בין געבליבען דארט דיא גאנצע צייט
פערשוינט פון קראנקהייטען , און פון דיא חאפארעס ווייל איך
האב גיהאט ביי מיר איין אטעסט דאס איך בין איין ניט
היגער , פון מיינער מוטער האב איך דיא גאנצע צייט ניט
גיהערט און פשיטא שוין ניט גיזעהען , און האב אלזו ניט
גיוואוסט צו זיא לעבט צו זיא איז גישטארבען , און האב אלזוי
פערלעבט דארט דיזען טרויעריגען משך העכסט עלענד וויא
אשטיין אין וואסער , דען זעלבסט מיין ווייטער קרוב וואס האט
מיך אריין גיבראכט אין תלמוד תורה , איז מיר אויך געבליבען
פרעמד און אונבעוואוסט איבער דיזע גאנצע צייט , מיינע
גאנצע בעקאנטשאפט האט זיך בעשריינקט (בעגרענעצט) אויף
דאס איינציגע הויז וואו מען האט מיר דעם ערסטען מאל
גיגעבען אפלעט אויף שבת , און וואס מען האט מיך דארט
דער האלטען אויף אימער , דאס הייסט אויף אלע שבתים
און ימים טובים , דען איך בין דארט העכסט גיפעלען גיווארן
דארט דער ווירטין , און בין אלזוי דארט אין שטוב בעהאנדעלט
גיווארין אין דיא שבתים און ימים טובים וויא איין אייגענער
איך פלעג צו קומען צו זייא פרייטיג בעצייטען , אום צוא
מיט דיא קינדער צו זאמען אין באד שטוב , און פלעג
נעכטיגען ביי זייא פרייטיג צו נאכט און שבת צו נאכט
און אזוי דיא ימים טובים אבענדע , און גיגעסען האב איך דא
פיל בעסער אלס מיינע מוטער אין איהרע קינפעטען ,
פלעג דאהער קוים ערלעבען דעם שבת און דעם יום טוב
צוג ערפרישען אין זייא מיין גייסט און מיין קערפער ,
וואויל איך פלעג אלע מאל ליידען נאך הער אפאר טעג
דעם בויך מיינעם , דען איך וואר אגאנצע וואך אפ געוואוינט
פון אקרעפטיגע שפייז , ביי אלעם דעם האב איך מיך
ענטהאלטע



ענטהאלטען פון עסען איבער אכט טאג שבת , דען וואס האב
איך גיזאלט קלינער זיין פאר דיא פרויען וואס פאכען מיט דער
עשה ביי זייער צוקינד גיין און היטען זיך דאך ניט אפ פון צו
שוואנגערען ווייטער , און וואר אלזוי איין גוטער צאלענט
פערכער דארט דיא גאנצע דרייא יאר וואס איך בין גיוועזן אין
תלמוד תורה , איבער הויפט וואר מיר גוט דיא ווירטין זיא
געלעגט מיר זייער אפט שיינקען איינציגע קאפייקען , אזוי וואר
ביז מיין אן קומען דאן צוא איין בעל מלאכה אשניידער ,
יך זעקס יאר .

ווער עס האט מיך אפ גיגעבען האב איך ניט גיוואוסט ,
ך גידיינק מער ניט דאס דער שניידער איז גיקומען אין תלמוד
רה און האט מיך אוועק געפירט צו אים , נור מהסתם וואר עס
דיעה פון דעם גבאי וואס האט זיך דער נאך אום מיך אזוי
נג געקימערט , אלס איך אום אים , דען קיינער איזט גיקומען
ק פון תלמוד תורה פרעגען וואס עס טוט זיך מיט מיר דארט ,
ער שניידער האט גיהייסען „ישראלקע בולקע“ , דען אזוי איז
רט דיא מאדע דאס יעדער בעל מלאכה האט איין אנדערען
מענעם וואס בעדייטעט ענטפער אויף איינעם גייסטיגען
עלער אדער אויף איינעם קערפערליכען פעהלער אזוי האט
איינער גיהייסען משקע קארנאץ (ווייל ער וואר אנידעריגער),
אנדערער האט גיהייסען יודקע דרייצען האר (ווייל ער האט
אט איין שיטערע בארד) , איין דריטער האט גיהייסען גראף
ן דעק (ווייל ער פלעגט אוים צוא טרינקען אגלאז שנאפס
ן דעק) , און אזוי אויך האט מיין באלעבאס גיהייסען
אלקע בולקע מהסתם אויך ניט אום איינע עהרע צוא
ן אים דער מיט , און אזוי בכלל ווארען דארט דיא
דער גירופין מיט דעם שימפף (פאסקודנעם) נאמען
לעוועסקע“ אזוי ווייט וואר דאי פעראכטעט אבעל מלאכה .
איך וואר ביי דעם ישראל בולקע אגאנצען יאר , און
האב

בעל-מלאכה צונאמען

האלעוועסקע

האב אין אים דער גאנגען די מלאכה נאך פיל ווייניגער אל
לערנען אין תלמוד תורה, איך וואר נור אלץ אומגעשיקט
דאס נאך הוצאות*) דאס ווארעמען דעם אייזען, דאס אונט
טראגען די באלעבאסטע דעם לאבען ברויט, מעל, קרוצ
פון גאס, אונ דאס ברייגגען פאר צוויא גראסען הערינג
פוטער, אונ איינגיזייערטע אוגערקעס פאר דעם מיט ארבייטער
אונ זייער אפט אויך צו צו האלטען דאס קינד, אראפ טראג
די פאמוניצע אונ דאס גלייכען, געפיהרט האט מען מי
בארוועס אונ נאקעט, גיגעסען האב איך קדחת, גישלאפין הא
איך אויף הויזען, אונ בין דארט אוים גישטאנען קעלט
צאד, היץ, אונ זייער אפט פלעגט מען מיך אוים מעסטען ד
פלייצעס מיט דעם אייל אפילו די וואס האבין גאר ניט גיקא
מעסטען, זעלבסט די דינסט מאד האט גיהאט די שלי
איבער מיינע ביינער, מיין פרינצעפאל וואר וויא צוא ז
הוץ זיינע קענטניסע אין דער שניידעריא איין הילצענ
מענטש, מיט העכסט רויהע געפילע, עס וואר דארט ק
גידאנקען פון דער ריינליכקייט, פון ארדענונג, עס ווארען ב
אים דריא געהילפע (טאווארעסצע) וואס האבין זיך א
גישטעלט דינען ביא אים אויף זעקס יאר, אונ וואס הא
שוין פיל פערשטאנען פון דער ארבייט, אונ דיזע ווא
פון אים נאך שלימער בעהאנדעלט גיווארין אי
איך, דען זייאי האבין געמוזט זיצען ביא א דער ארבעט ב
צוועלף ביא נאכט, אונ ווארען גיוועקט ארום פינפען פ
טאג, אונ מאנכע מאל דורך גיבראכען די ביינער,
קדחת גינעבין עסען.
דער פרינצעפאל מיינער פלעגט די אוועגדע פארברייג
אמאל

*) דאס הייסט איין צוא קויפען פאדעם, נאדלען
קנעפלעך, קלייאנקע, שנירלעך, העקלעך אונ שפראנצקעס



אמאל אין צעך, אונ אמאל אין זייער שולכעל (שניידערשע
שול), דען דארט האט יעדער ארט מלאכה איינע בעזונדערע
שולכעל*), אונ פלעגט צוא קומען פון דיזע ביירע ערטער
זייער אפט העכסט שכור, אונ דאן פלעגט עס צו גיין וויא
אונזער אלטער אידעשער שפריכווארט זאגט "איבער שכם אונ
איבער יאזעק" עס פלעגט אים ניט גיפעלען די וועטצערע
פלעגט עס פערשמייסען צום בארען (צו דער ערד) אינ דאן
פלעגט ער לויז צוא גיין מיט שטאק אונ אייל איבער דער
ארוים רוקען.
אונ אלם ער וואר גוטער דינגע (דאס הייסט פריינדליך)
פלעגט ער אימער געזונגען ביא דעם טיש כל נדרי, די עבודה,
די הקפות, אונ דאס גלייכען, אונ בינו לבינו וואר איבער
זיין ווערט דאס ווארט "ארוח אין דיין טאטען" גאר אן אויף
ארדנונג, אמאל צו דער וייב, אמאל צו די מיט ארבייטער,
צו מיר אבער וואר עס שוין דער געוואוינליכר אנגעפאנגם רייד,
די פער ווינדערקע אין דיין טאטען אריין גייא נאך הוצאות" אונ
דאס גלייכען, קורץ דער פון מיינע ליבען, די אידעשע
האנדווערקער ווארען דאן איינע גאנץ נידעריגע קלאסע, אונ
גליך איינע העכסט ארעמע קלאסע, די אורזאך דער פון
נענוג העל אונ דייטלעך פאר יעדען דארט וואוינענדען וואס
נור

*) דיזע פרומע שיטה שאדעט פיל מער אלם זיא נוצט,
אנשטענס איז פיל גלייכער דאס דער האנדווערקער זאל זיינע
יום טובים אונ ימים טובים פרברייגגען אונטער פיל איידעלע לייט
אלם זייא זיינען, וויא דער פסוק זאגט (הולך את חכמים יחכם)
צווייטענס איזט עס פערבונדען מיט גרויסע קאסטען אונ דער
נאך מיט גרויסע צייט פערלוסט, אונ פראסט גיזאגט מיט
מיאנסטווא, לבד וואס עס שאדעט לעניני הכלל וואס ניט דא
אין דער ארט צו ריידען.

נור אויגען האט אין קאפ צו בעטראכטען עס אונ צו אורטייהלע
דאריבער מיט איינעם געוואונטען מעטשען פערשטאנד, אי
אבער בעאיילע מיך צו מיינער ערצייהלונג, אונ מוס דאהע
אפ ברעכען דער פון, וואס מיך אנבעטרעפט (נוגע), האב
איך דארט ביי דיזעם ישראל בולקע קוים איאר אויסגעדויערט,
אונ נאך הער האב איך אפ גיטראטען פון אים, צום וואויל
אונזערער ביידען, דען ער האט איינגיזעהען דאס איך וועל
קיין טון זאלץ ניט אויף עסען ביי אים, אונ איך דאס גלייכען
האב קיין שניידער וואלען זיין זעלבכט ביי דעם בעסטע
מענטשען, אונ בפרט נאך ביי אזויא איינעם וויא דע
ישראלקע בולקע איזט.

## 10.

### "מיין אפטרעטען פון דעם ישראל בולקע"

עס וואר מיר זייער שלעכט ביי אים אונ האב דורך אוי
געוואלט לויז ווערען פון זיין שטוב. דאך האב איך מיך ני
געוואגט צוא טאן עס פון פרייען שטיקען דאס הייס
(אונגעצוואונגענערהייט) וויא יונה הנביא האט גיזאגט (שאו
והטילוני אל הים) טראגט מיך אונ ווארפט מיך אריין אי
מעער, אבער אליין האט זיך ניט גיוואלט אריין ווארפען, אי
איז ביי נמיר געבליבין, דאס איך זאל אפ ווארטען א
אצייט וואס איך וועל זיין העכסט געצוואונגען עס צ"א טא
אונ דיזע גילעגענהייט האט זיך ווירקליך ניט פערזאמט, א
פאר פסח האט מיך מיין פרינצעפאל געשיקט מיט א טייער
פלאש צו אמעד שיינקער צו נעמען דארט אהאלבע טאפ פסחדיק
שנאפס, צוריק גייענדיג, האב איך מיך אויס געגליטשט גיפאל
אונ צו בראכען דיא פלאש, איך האב מיך גוט צערשלאגין,
דאך דיזעס וואר ביי מיר דאס מינדעסטע. דען איך האב
שוין



שוין גיהאט איינע גרעסערע זארגע דאס הייסט צוא ווערין
גישלאגין גישאלטען, אונ אם ענדע אויך ארויס גיטריבין צוא
ווערען, אונ דאהער האב איך ביי מיר בעשלאסען דאס איך
וועל מיך זעלבסט ארויס טרייבען פון דארט אונ וועל פערשפארין
דיא קלעפ, דאס הייסט איך וועל שוין צוא אים גאר ניט
קומען מעהר, עס וואר דאן אזוי וויא פיר דער זייגער נאך
האלבען טאג, אונ עס האט שוין אנגעהייבען צוא דונקעלען
דרויסען אונ נאך מעהר צוא דונקעלען אין מיינעם הערצען,
דען עס האט זיך מיר אויף גידרונגען דיא פראגע וואו טוט מען
זיך אהין, וואו נעכטיגט מען דיזע נאכט, וואו איז מען יום
טוב, אונ צווייא גרויסע טרערען זיינען מיר ניט ווילענדיג ארויס
גיפאלען פון מיינע אויגען, דען איך האב מיך זייער שטארק
בעמיטלייידיגט, מיין ערסטער פלאן וואר דען איין צו מעלדען
זיך ביי מיינעם פאריגען גענארען הער, דאס הייסט ביי
דעם באלעבאס וואס איך פלעג ביי אים צוא עסען שבתים
יענדיג אין תלמוד תורה, דיא ווירטין איז מיר דארט גוט האב
איך מיר ביי זיך גיטראכט, פילייכט וועל איך ביי איר קענען
יום טוב זיין, איך וועל איר דיא ווארהייט ערצייהלען אונ זיא
וועט פאר געוויס גרויס מיטלייד האבין.

איך וואר שוין דארט ניט זינט איך בין אן גיקומען צו דעם
שניידער, דען איך האב מיר גישעמט צו ווייזען פאר זייא דארט
אלס קליינער האלעוועסקע, אונ זייא האבין נאך פערגעוויס ניט
געבייענקט אויך, דען אויף מיינער שטעלע האט זיך געפונען
דארט פערגעוויס איין אנדערער קונעל פרעסער, דען וועלכע
שטעלע בלייבט עס אונבעזעצט בפרט נאך פון איינעם טאג
מעהר, דאך איצונד וואו נויט איזט אין שפיל דא פאלט שוין
אוועק שאנדע, זעלבסט ערליכקייט אונ רעליגיאן, איך בין
אהין אוועק, בין אריין אין שטוב, אבער וויא געשריען וואס
פאר איין עמפאנג (קבלת פנים) האב איך דארט גיהאט וואס
פאר

פַּאר אַבֶּעגֶעגֶענֶעם גָאר אַנְדֶערֶע גֶעזִיכְטֶער אֵיינֶע אַנְדֶערֶע דִינְסְט וָואס הָאט מִיךְ דֶער הַאלְטֶען בַּייא דֶער מִיר אוּנ הָאט מִיךְ נִיט גִילָאזְט וַוייטֶער אַטְרִיט טָאן „וואוּ הִין אוּנ צוּ וָועמֶען בְּרוֹיכְסְטוּ ?" הָאט זִיא מִיךְ אָן גֶעהָארְשְׁט (אָן גִישְׁרִיעָן)" , אוּנ אַלְס אִיךְ הָאבּ אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט „צוּא דֶער בַּאלֶעבָּאסְטֶע" אִיזְט אַרוֹיס פוּן דֶער צְוַוייטֶע שְׁטוּבּ אֵיינֶע גַאנְץ אוּנְבֶּעקַאנְטֶע פְרוֹיא פֶערְפּוּצְט וִויא אֵיינֶע דָאקֶע (לַאלְקֶע) אוּנ הָאט וִוידֶערְהָאלְט (אִיבֶּער גִיהַאזֶערְט) דִיא פְרַאגֶע פוּן דֶער דִינְסְט מִיט אַנָאךְ פִיל גְרִימִיגֶערֶע מִינֶע „וואוּ הִין אוּנ וָואס בְּרוֹיכְסְט דוּא צוּ מִיר ? .

דִיזֶע פְרֶעמְדֶע אוּנ אוּנְבֶּעקַאנְטֶע גֶעזִיכְטֶער , מִיט דִיזֶען נַארְשֶׁען פְרַאגֶען , הָאבִּין אַרַיין גִיוָוארְפֶען שׁוֹין אַצְוַוייפֶעל אִין אִיר דָאס פִילַייכְט הָאבּ אִיךְ מִיךְ פֶערְאִירְט , אָדֶער פִילַייכְט הָאט זִיךְ דֶער ר' יוּדֶעל קַלְמָענְס בַּייא וָועמֶען אִיךְ פְלֶעג צוּ עֶסֶען שַׁבָּתִים אַרַיין גִיקְלִיבִּין זִיךְ אִין אֵיינֶער אַנְדֶערֶע דִירָה , אוּנ הָאבּ זַייא גִימַאכְט דִיא דוּמֶע פְרַאגֶע צוּ דָא וואוֹינְט דֶער ר' יוּדֶעל קַלְמָענְס „גוּט. יוֹא עֶר וואוֹינְט דָא" , הָאט מִיר דִיא פְרוֹיא גִיעֶנְטְפֶערְט , אוּנ הָאט מִיךְ וַוייטֶער גִיפְרֶעגְט „וָואס בְּרוֹיכְסְט דוּא צוּ אִים ?" , „אִיךְ בְּרוֹיךְ צוּא זַיינֶע פְרוֹיא" הָאבּ אִיךְ אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט „אוּנ דָאס בִּין אִיךְ זֶעלְבְּסְט" הָאט זִיא זִיךְ אָפְּגִירוּפִין אוּנ הָאט גִיוַוארְט אוֹיף אֵיינֶער שְׁנֶעלֶע אַנְטְווָארְט , אִיךְ בִּין אָבֶּער גִיוָוארִין בַּייא דִיזֶער תְּשׁוּבָה אִיהְרֶע הֶעכְסְט קָאנְפּוּז (צוּא מִישְׁט) דָאס עֶס אִיז מִיר עֶרְשְׁטָארְבֶּען דִיא שְׁפְּרַאכֶע אוֹיף מַיינֶע לִיפֶּען , אוּנ הָאבּ שׁוֹין נִיט גֶעוַואגְט פָאר צוּא לַייעֶרֶען (הֶערְאוֹיס רַיידֶען) אִיר מַיין אָנְלִיגֶען (בֶּעגֶער) , דֶען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמֶערְקְט דָאס דִיא עֶרְסְטֶע פְרוֹיא פוּן דֶעם יוּדֶעל קַלְמַנְס הָאט שׁוֹין גִימוּזְט שְׁטַארְבֶּען , זִיא דִיא גֶענֶערִין מַיינֶע , אוּנ דִיזֶע אִיז פַאר גֶעוִויס אֵיינֶע אַנְדֶערֶע , אָדֶער אַנַייעֶ וַוייבּ זַיינֶע , אוּנ בִּין בַּייא דִיזֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען גֶעדַאנְקֶען גֶעבְּלִיבִּין שְׁטֵיין וִויא פֶערְנִיכְטֶעט , אוּנ זִיא וָואס הָאט זִיךְ לַאנְגְוַוייְלט מִיט דֶער פַארְשְׁפֶּעטֶעטוּנְג פוּן

מיינער



מַיינֶער אַנְטְווָארְט , הָאט מִיךְ צוּם צְוַוייטֶען מָאל גִיפְרֶעגְט מִיט דֶער הֶעכְסְטֶע אוּנְגֶעדוּלְד „נוּא וָואס וֶועסְט דוּא זָאגִין ?" „אִיךְ הָאבּ גִיבְּרוֹיכְט צוּ דֶער מַאדַאם דְבוֹרָה" הָאבּ אִיךְ אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט גַאנְץ שְׁטַאמֶעלֶענְד" , „אוּנ אִיךְ בִּין נִיט דְבוֹרָה" (אַזוֹי הָאט גִיהַייסֶען דִיא פָארִיגֶע פְרוֹיא) הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט גַאנְץ פֶערְדְרִיסְלִיךְ אוּנ אִיז אַרַיין צוּרִיק אִין דֶער צְוַוייטֶע שְׁטוּבּ , אוּנ בַּאלְד דַארוֹיף הָאט מִיר דִיא דִינְסְט מַיידֶעל גֶעוִויזֶען דִיא טִיר .

אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַרוֹיס גִיחַאפְּט פוּן דָארְט בְּלוֹיז רוֹיט אוּנ מִיט אֵיינֶעם פֶערְקְלֶעמְטֶען הֶערְצֶען , דֶען עֶס הָאט מִיר הֶעכְסְט לַייד גִיטָאן אוּם דִיא דְבוֹרָה, אוּנ הָאבּ מִיר גִימַאכְט צוּם פָארְוואוּרְף (זִיךְ פָארְגִיוָוארְפֶען) דָאס אִיךְ הָאבּ נִיט גִיוואוּסְט פוּן אִיר טוֹיט בִּיז אַהֶער , עֶס הָאט מִיר מַיין הֶערְץ גַאנְץ וִויא צוּ זָאגֶען צוּ זַאמֶען גֶעשְׁנִירְט אוּנ פֶערְפְּרֶעסְט דָאס עֶס הָאט מִיר מַיין אָטֶעם פֶערְנוּמֶען, צוּם גְלִיק הָאבּ אִיךְ אוֹיס גִיבְּרָאכֶען אִין אֵיינֶעם וַויינֶען אוּנ עֶס אִיז מִיר בַּאלְד לַייכְטֶער גִיוָוארִין זָאנְסְט וָואלְט אִיךְ גִיפְּלַאצְט פוּן גְרוֹיס לַייד אוּנ קְלֶעמוּנְג , מִיט נַאסֶע אוֹיגֶען בִּין אִיךְ אַרוֹיס פוּן הוֹיף אוּנ דֶער עֶרְסְטֶער פוּן מִיר גִיפְרֶעגְטֶער אִיבֶּער דִיא גוּטֶע דְבוֹרָה , הָאט מִיר שׁוֹין אִין קֶענְטֶענִיס גִיזֶעצְט (קְלָאר גִימַאכְט) דָאס עֶס אִיז שׁוֹין מֶער אַלְס אַיין הַאלְבֶּעם יָאר דָאס זִיא אִיז גִישְׁטָארְבִּין , אוּנ עֶס אִיז שׁוֹין פִינְף חֳדָשִׁים , דָאס דֶער יוּדֶעל קַלְמָענְס הָאט גִינוּמֶען אֵיינֶע אַנְדֶערֶע פְרוֹיא , זִיא אִיז אָבֶּער נִיט יֶענֶע , זִיא אִיז הֶעכְסְט שְׁטָאלְץ , דוּם , אוּנ שְׁפִּילְט דִיא רָאלֶע פוּן אֵיינֶער דַאמֶע .

וִויא אוֹיךְ אִיךְ וַואר דַאן נוּר גַאנְץ יוּנְג קוֹים פֶערְצֶעהֶן יָאר , הָאט דִיזֶע גֶעשִׁיכְטֶע גִימַאכְט אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶען אַיינְדְרוּק אוֹיף מַיינֶעם קִינְדִישֶׁען גֶעמִיטְה , אוּנ הָאבּ גִיטְרַאכְטֶעט שׁוֹין וָואס פַאר אֵיינֶע עֶנְדֶערוּנְג קֶען גִישֶׁעהֶען מִיט אֵיינֶעם מֶענְטְשֶׁען אִין אֵיינֶעם יָאר אוּנ בִּפְרַט נָאךְ מִיט אֵיינֶעם לִיטְהוֹיעֶשֶׁען יוּדֶען

וואס

וואס איזט רעכט אונשטאנדהאפט אין זייגע גישעפטען און אין זיין, הויזוועזען, און וואס איזט ביי זיינעם פערהייראטהען זיך פיל מעהר און איבערלייגטער, אלס איינע נוטע ווירטין ביי נעמען אדינסט אין שטוב אריין.

## 11.

### "דיא מאדאם קייט"

מיין ערסטער נאנג נאך דיזען אונגליקליכען פערזוך וואר אויף דעם שול הויף וואס איז איין זאמעל פלאץ פאר אלע עלענדע און היימאטלאזע (אן פריטולעסץ) קינדער וואס וועדען פון דיא קליינע שטעטלעך פערשלעפט קיין אילון, אדער פערגעסען פון גיט היגע עלטערען און קעהרען זיך שוין ניט אום אף צו נעמען זייא וויא איין פערגעסענעם גארב אין פעלד, דען וויא געזאגט דארט אין ליטע בעמיהען זיך דיא יודען פיל מעהר אום צו ציינען (צו האבין קינדער אלס צו ערציהען, אילון איז אצדקה שטאט, מען קומט פון פילע קליינע שטעט צו קאלעקטירען (נדבות מאכען) פאר ארעמע מיידכען, און פערגעסען גיט דאהער אף צו שיקען צו איר דיא פרוכט דער פון, דאס הייסט דיא קינדער וואס ווערען גיבאהרען פון דיא ארעמע חתונות, און אזוי הייפט זיך דארט ארמוט איבער ארמוט, און דיזעם איזט דער ערפאלג (תכלית) פון איינער אונבערעכענטע און שלעכט אנגעווענדעטע צדקה, דאס אן שטאט וואס זיא האט איר צוועק דיא ארמוטה צו פערמינדערען פערמעהרט זיא איר נאך גראדע.

דארט אויף דעם שול הויף האב איך דער וויסט אלער האנד שנארער, בעטלער, פיחאטע און קאניע, דען אנדערע פערפארין אהין מיטביידלעך, שפאנען אויס דיא פערד און שטעלען אף זייערע פאיאזדען לעבען דעם קהלשען אבטריט, איך האב דער וויסט, קינדער פון מיינעם אלטער, און נאך





איננערע פאר מיר אף געריסענע און אף געשליסענע, וואס האבין שוין דארט אויך געווינטערט, ביי טאג שנארען זייא, און ביי נאכט נאכטען זייא אין קהלשע באד, אנדערע אין דיא קלויזען, מאנכע האבין אויף גיזוכט בעקאנטע שטיקלך קרובים, איך האב דערוויסט דארט איינעם פון מיין שטעטעל וואס וואר מיט אפאר יאר עלטער פאר מיר, און וואר שוין פיל מעהר וועלטליכער אלס איך, ער איז אויך גיקומען קיין אילון נור איבער דיא זעלבינע סבה וואס איך, דאס ער האט קיין לב גיהאט צו זיין אין זיינער שטעטעל אלס עם איז דארט איין נאבאר, און ער האט שוין אויך אקדמות גיהערט אין אילון, און וואר דאהער שוין פיל מעהר אלס איך בעוואנדערט אין איר, און ער וואר דער ערסטער וואס איך האב ווינד בעקומען פון אים (נאבריכט) איבער מיינע מוטער, דאס זיא איז אוועק מיט מיינער עלטערע שוועסטער וואס עם האט איר גיהייראטהעט איין אידעשער סאלדאט קיין קעסענאוו, איך האב מיך צוא דיזען יונגען מענטשעל צו גיקלעפט וויא איינע קלעטע (לאפותא) און ער האט מיך ניט אדאילעט פון זיך, זיינע ערסטע (לעקציאן) וואס [redacted] ער האט מיר גיגעבין וואר, דאס איך זאל מיך ניט אויסגעבין דאס איך וואר ביי אשניידער, און צווייטענס דאס וואו איך וועל נור קומען זאל איך זאגען דאס איך בין אקערסט גיקומען אהער אום צוא לערנען דא, און ביז צעהען דעם זייגער זאל איך שטיין אויף דעם שול הויף, דען פון היינט נאך האלבען טאג ביז מארגין נאך מעריב ווערען געזוכט ארעמע בחורימלעך פון בעלי בתים אום צו נעהמען זייא אויף יום טוב, און נאך צעהען דעם זייגער באם איך וועל אויסען בלייבין זאל איך פרעגען אין ג"ט זאוואולעק וואו עם וואוינט ר' גזעליג דער קרופניק וואס האלט איין מאגאזין פון מצות באקען, דען ער איז דארט ארעדלער וועל איך דארט עפעס ביז צוועלף אונטער העלפען, איבער בייטען אהאנט פון

די מצה - בעקערײַ



דעם מורה האלטער, אדער פון דעם איינפאקער וועל איך שוין דארט בלייבען נעכטיגען.

איך האב אים געפאלגט, איך בין צעהען בייא נאכט געשטאנען אויף דעם שול הויף, גוט אונטער געפרארען, צוואר ניט איך איינער דען עס ווארען מיט מיר נאך עטליכע, איינגע פון זייא זיינען באלד פערהאפט געווארין, איך אבער מיט נאך אפאר זיינען געבליבין שטיין, צוואר מיר האבין אונז אן געבאטען מאנכען פארבייא גייענדען אליין דאס מיר זיינען שוין בר מצוה אינגלעך אונ טויגען צו אמזומן, עס האט אבער ניט אן געהאקט, מען האט אונז נור געגעבין צו קאפייקען, אונ האב אלזוי גימאכט דעם אבענד לעבען פאלעס אגראסען צעהען, איך האב מיר געקויפט פאר אקאפייקע געקאכטע קארטאפעל, פאר צווייא גראסען הערינג, ארעצקענע באנדע, פאר אפאר גראסין שנאפס, איך האב מיך ערווארעמט, ערפרישט ערקוויקט, אונ האב ניט געוואוסט וויא גאט צוא דאנקען דער פאר אונ האב אלזוי געבענצט אילון דאס זיא זאל ביז משיח צייט שטיין, צעהען דעם זייגער בין איך אוועק אין דעם בעצייכנעטען מצות מאגאזין, מיין לאנצמאן האט מיך אויף גענומען פריינדליך אונ האט מיר געגעבין באלד וואס צוא טאן, עס וואר דארט צוואר ווארעם אונ ליכטיג, עס וואר אבער העכסט דומפפיג אונ העכסט איינג שטוציג אונ אלארעם ביז צום פרטויבט ווערען, עס ווארען דארט צעהען וועלגערקעס, מיידכען, פרויען, זייא ווארען אלע וויא ווארע גריפען (הויט אונ קנאכען) מיט געשוואלענע הענט אונ געשוואלענע פים, פון שטיין אונ וועלגערען גאנצע דרייא וואכען, אונ דער בייא ניט דער שלאפען, ניט דער עסען, עס ווארען זייער פיל פון זייא קראנק, אונ ניט בעסער גייט עס מיט די קנעטערקעס מיט דיא זעצער, אונ מיט דיא איבעריגע משמשים, ענדע דער פון דיא ליטע יודען ווייסען ניט פון מאס אונ צייט,





ענטוועדער מען איז גאר אין גאנצן איין ליידיג גייער אדער מען ארבעט איבער דעם שיעור, נור גענוג דער פון איך קערע מיך אום צוא מיינער ערצייהלונג.

אין דיזע נאכט וואר געבאקט דארט שמורה פון איינעם רייכען הויזע, אונ דיא אלע ארבעטער זיינען זייער גוט בעשאנקען געווארען, אונ מיין לאנצמאן האט מיך אריין געשטעלט אין רייסטער, אונ איך האב באקומען מיין פינף אונ צוואנציג קאפייקען שטיק, גוט האב איך בייא מיר געטראכט. העטע מיר דיזעס גליק געשעהען אין איינער אנדערע צייט וואלט איך קענען דער מיט מיין לעבין פריסטען איינינע טעג, וואס טוט מען דער מיט אום פסח, איך מוז אירגענד וואו יום טוב אום זיסט בעקומען, מיין קאלעגום (חבר) האט מיך אין דער פריא אויף געוועקט. אונ האט מיך ארויס געטריבען אויף דעם שול הויף אום צוא געפינען איין באלען וואס זאל מיך נעמען אויף פסח, איך האב שוין דער וויסט פילע מיינעם גלייכען וואס ווארטען דארויף שוין פון בעגינען אונ מאנכע (וויא צו הערען וואר) ווארען שוין פערהאפט, עס איזט איינע שטונדע נאך די אנדערע פעררונען אונ איך וואר נאך ניט פערגריפען, צוואר מאנכע זיינען שוין אפגעפיהרט געווארען, עס זיינען אבער אן שטאדט זייא פיל מעהר צו געקומען, דאס איך האב שוין אנגעהויבין צוא צווייפלען צוא וועט שוין קענען קומען דיא רייהע (צערע) אן מיך. אונ בין אוים אונגערולד אוועק פון דיזער געזינדעל, אונ האב מיך געשטעלט אין איינעם אנדערען ארט, משנה מקום משנה מזל, אונ עס האט מיר געלונגען, איינע אלטליכע פרויא איז ארופיף אויף דעם שול אום צוא בעקומען איין סדר אפ געבער, אין אזו אשת־ב וואס דער מאן איז ניט דא אויף יום טוב, פון איר קומען וואר איך איר דער ערסטער וואס איז איר אין אויג געפאלען, זיא האט מיך געפרעגט צו קען איך סדר אפ געבין, אונ צו ברויך איך וואו יום טוב צו זיין,

און אלס זיא האט בעקוטען פון מיר איינע בעפרידיגענדע
אנטוואָרט האט זיא מיך געבעטען דאס איך זאל גיין מיט
איר, עס פערשטייט זיך דאס איך האב מיך ניט געלאזט בעטין
און בין מיט איר גיגאנגען, איך העטע אזוי גאר גילאפען, נור איך האב
געמוזט גיין גלייך מיט איר, עס וואר איינע גרויסע שטרעקע
ביז אהין, דער צוא נאך האט זיא מיך פאר פיהרט אין
קריסטליכע גאסען און זאוואולקעס דאס עס וואר דארט קיין
יודע צוזעהען, און האב כיך אלזוי אנגעהייבען צו שרעקען דאס
זיא זאל מיך ניט פערפיהרען צוא דיא אקאדעמציקעס וואס
(וויא דיא זאגע איזט דאן גיגאנגען אונטער דיא קלויזנער
קויפען לעבעדיגע קינדער אידעשע און צוא שניידען זייא
גלידער ווייס אום צוא לערנען זיך אויף זייא דאקטארייא,
און האב אלזוי געוואלט שוין צאפען צוריק, דען וויא איך
עס איזט שלעכט אויף דעם הערצען ווילט זיך דאך ניט שטארבען
קוים וואר איך אין בעגריף עס צו טאן, האט זיא זיך אפגעשטעלט
מיט מיר ביי איינער שיינע טיר, האט אציא געטאן אין
אבראנזאווע אטאבקע (הענטעל) וואס וואר בעפעסטיגט אן
אדראט, עס האט אקלונג געטאן, און עס איז ארויס איין
קריסט אום צוא זעהען ווער איזט עס, ער האט מיט דער
פרויא געשפראכען אדער בעסער צוא זאגען געוועקסעלט אפאר
ווערטער, פערגעווים אויף טייץ, דען דיזעם וואר פאר מיר
דאס זעלבע וואס דאן פראנצויז, און עס איזט מיר איינגעפאלען
דיא בלוטען, דען איך האב געמיינט פערגעווים דאס דארט
איזט עס דאס אנאטאמישעס הויז (צערגלידערונגס שטוב)
דען זאנסט וויא קומט אקריסט צו ברויכען איין ארעם בחור צוא
דיא סדרים. מיר זיינען אריין און דא האט זיא מיר געלאזט ניי
פארויס אויף שיינע טרעפ וואס וואר בעלייגט מיט איינעם לאנג
און פערבלומטען טעפיך (קאברעץ) און זיא איז מיר נאך גנאנגי
פון הינטען, איין גאט האט נור געוואוסט וויא מיר וואר דאן

צו



צוא מוטה ניט בעסער אלס איינעם אקס ביא זיינעם אריי
טרעטען אין שעכט הויז.

זיא האט מיר געלאזט שטיין אוויילע אין פארהויז וואס
וואר העכסט זויבער און אויס מעבלירט מיט אשפיגעל מיט
איניגע ניטאלטע בייגק, איך בין דארט גישטאנען אפאר מינוטין
געוויגט צווישין. פורכט און האפענונג, און דאן האט זיך אויף
גימאכט דיא טיר און דיא פרויא האט מיר אוואונק גיטאן איך
זאל אריין, נוא מיינע ליבען איך בין ניט אין שטאנד אייך צוא
שילדערען וואס פאר איין איינדרוק עס האט גימאכט אויף מיר
דער ערסטער בליק מיינער (ביא מיינעם אריין טרעטען אין
דעם ערסטען צימער) אויף דיא אלע הערליכקייטען פראכט
און גלאנץ וואס עס האט זיך מיר דארט דאר געבאטען (פאר
גישטעלט), עס וואר אגרויסער צימער מיט אגיוועקסטע פאדלאגע,
...ייער שיין געמאלט, און אויס געמעבלירט נאך דר נייעסטער
...אדע, דער צו נאך האבין איניגע אורען פון פערשיידענע
...ימערען גישלאגין דאן צעהען, איינינע קאנארקעס האבין גיזונגען
און הערץ רייסענדע טענע (קליינגע) פון איינע פארטעפיאנע
...אבין זיך גילאזט הערען פון איינם ווייטען גאבינעט, דיזעם
...לס האט מיך אזו ווייט איבעראשט (צו טומעלט) דאס איך האב
...מיינט דאס איך האב מיך מיט לעבענדיגען לייב אין דעם
...אראדיז (גן עדן) פעראירט, דען נאך האב איך אזוי פיל
...אכט און עלעגאנץ אויף איין מאל אין מיינעם לעבען ניט
...זעהען, און אזוי גאר קיין בעגריף גיהאט דער פון.

אם גרעסטען אבער האט גימאכט אויף מיך איין איינדרוק
איינע ווייבליכע פערזאן וואס איך האב דער ווייסט זיצענדיג
...ארט אין אטיפע שטול וואס וואר מיט רויטע זאמעט בעצויגען,
...יא וואר שיין און בליהענד וויא איינע בליהענדע ראזע (רויז)
...קליידעט גאנץ איינפאך אין ווייסען געסעלט. זיא האט דאן
...האלטען איין בוך אין איר האנד וואס מאנכער פינגער וואר

געצירט

געציירט מיט איינעם גאלדענעם רינג וואס האט געפלימערט (געגליהט) וויא איין טויא טראפען אויף איינער ווייסע ליליע אין מארגען רויט , אין אלעם האט זיא מיר אוים געוויזען עפעס וויא איין וועזען פון איינער בעסערען וועלט אלס אונזערע וואס וואר ביז אהער פערוואקסען פאר מיר מיט דערנער , אונ קארצעם , דיזע פרויא וואר קיין אנדערער וויא דיא ווירטין , קוים האט זיא מיך דער זעהען , האט זיא אנייג גיטאן איהר קלוגעם הויפט געגען מיר , אונ האט מיך גיפרעגט מיט איינער העל קלינגענדע אונ העכסט צויבערישע שטימע «פאן וואהער ביזט דוא» איך האב איר קוים פערשטאנען , אונ האב איר גיענטפערט» איך בין פון דער שטעטעל ק' , «האסט דוא עלטערן ?» האט זיא מיך ווייטער גיפרעגט «קיינע» וואר מיין אנטוואורט «אונ אייער געמיינדע זארגען עס גאר ניכט פיר זעלכע עלענדע וויא דוא ביזט , האבין זייא קיין ווייזענהויז (יתומים שטוב) , וואו זייא זאלין דארט איינע גוטע ערציהונג געניסען אום נוציגע מענער צו ווערען ?» , «ניין מאדאם» האב איך איר גיענטפערט «זייא ברויכען עס ניט צוא האבין , דען אונזערע שטעטעל לייט שיקען זייא אפ קיין אילון» , «אונ וואס ווערט פון זייא הי?» האט זיא מיך ווידער גיפרעגט «דא» האב איך גיענטפערט אי דא גענוג קלויזען , אויך איז דא וואו אום צו גיין איבער דיא הייזער , אונ דער נאך אז מען ווערט עלטער מאכען זייא די פרוסטע ווייבער חתונה» , «אונ וואס טוסט דוא היר ?» האט זיא מיך ווידער גיפרעגט , איך בין אין אקלויז , איך האב דרייא טעג אין וואך צו עסען בייא דרייא בעלי בתים , אונ אין דיא איבעריגע געגערע איך מיך פון בעטלען , «שרעקליך ! שרעקליך !» האט זיא זיך אפ גירופען , אזוי ווייט איזט מען היר געזונקען , איך האב עס ביז הער ניט געגלויבט ביז איך האב איצד מיט מיינע אויגען גיזעהען .

זיא האט מיך דער בייא זייער שטארק בעדויערט מי

איינעם



איינעם קאפשיטלען , האט זיך דיא אויגען געווישט , אונ דער נאך האט זיא זיך אפגירופין צו מיר מיט איינער שמעלצענדע שטימע «הערסט דוא , וועסט בייא מיר זיין איבער גאנץ יום טוב, אונ ווען איך וועל איין זעהען דאס דוא ביזט איין ארענטליכעס קינד , וועל איך וואס טון פאר דיר .

בייא דיזעם קורצען אונ פליכטיגען געשפרעך וואר דיא אלטליכע פרויא וואס האט מיך אהער גיבראכט, אונ פאר גישטעלט אויך אונזער טאלמאץ בייא דיזע פראגען אונ אנטווארטען , דען עס ווארען פיל ווערטער דארין וואס מיר האבין ניט איינער דעם אנדערען פערשטאנען, אונ דיזער געשפרעך וואר אונטער בראכען נור דורך דעם דאס דער טייצעל וואס האט אונז גיעפענט דיא טיר , איז ארויין צו איר מיט דער מעלדונג , דאס דער שניידער האט אפ גיבראכט דיא קליידער , אונ דאן האט זיא אוואונק גיטאן צוא דער אלטליכע פרויא דאס זיא זאל מיט מיר ארוים אין דער אנטגעגענדיקע קיכשטוב .

איך האב מיך פארנייגט פאר איר , אונ בין ארוים פון דיזעם צימער צוואר פיל פרייליכער אלס איך בין אריין אין אים, דען איך האב מיך דאך אם ווייניגסטען איבער צייגט , דאס דא איז ניט דער אנאטאמישער זאל , דאס דא וואוינט איין אידעש קינד , אונ דאס איך בין שוין פערזארגט מיט דעם נאנצען פסח , אונ האב מיך אויך ניט גיקענט גענוג אפ וואונדערען דאס אזוי איינע וואס רעט ניט וויא אלע אידען אונ איזט אויך ניט אנגעטאן וויא אלע אידעשע פרויען נור וויא אשארעסטע , אונ וואוינט אזוי רייך , ריין אונ שיין עפעס וויא איינע גרעפין זאל זיין איין אידעש קינד , אונ היטען אידעשקייט , אונ דיזעם איזט זיא דאך צוואר, דען איך האב גיזעהען דאס מזוזות זיינען אין גישלאגין אן דיא טירין , אונ בייא אלעם דעם וואר איך אליין העכסט טריוואזעט אונ צו שראקען , נור איבער דער מעלדונג פון דעם טייצעל דאס דער שניידער האט אפגיבראכט דיא קליידער , דען איך פלעג אלין דארט זייענד נאך בייא דעם

ישראלקע בולקע הערען פון אים וואס פאר אנוטען קונד ער האט אין דער מאראמא קייט, דאס וויא שיין זיא איזט אזוי איזט זיא גוט, אונ וויא גוט זיא איזט איזט זיא פרום, נון וואר איך העכסט צוא שראקען פילייכט איז עס דיא מאדאם קייט, אונ דער שניידער איזט אלזוי ישראל בולקע, נון פעלט עס מיר מער ניט דאס ער זאל מיר דא דער וויסען שפילענדיג דיא ראלע פון איין ארעם בחור, אונ בפרט ער האט נאך אאורזאך צו זיין העכסט אויפגיבראכט אויף מיר, ערסטענס האב איך אים פערשלעפט אפלאס אטייערע מיט פסחדיקע שנאפס, צווייטענס אפאר שטיוועל וואס ער האט מיר ניט לאנג גימאכט.

אונ מיין פורכט וואר קיינע ליידיגע פורכט, דען עס וואר ריכטיג וויא איך האב פערמוטעט, זיא וואר ווירקליך דיא מאדאם קייט, אונ ער בולקע דער שניידער, עס האט אבער מיר גענאלטען אוים צו מיידען אים, דען ער איז אריין אין איר נאבענעט דורך איינאנדער חאר אום זיא זאל עס דארט אנמעסטען, אונ אלס איך בין אריין אין קיכשטוב, האט מיר דיא אלטליכע פרויא (צו מיינעם גליק) אוועק געשיקט אין באר שטוב, זיא האט מיר גיגעבין צעהען קאפייקען מיט אוויס העמד, האט מיר גיוויזען דורך דעם פענסטער וואו דיא באר איזט, אונ האט מיר גיזאגט צו גלייך דעם נאמען פון דער מאדאם "קייט", דאמיט ווען איך וועל ניט טרעפען צוריק זאל איך מיך נאך פרעגען וואו עס וואוינט דיא מאדאם קייט, מיט פריידען האב איך מיך ארוים גיחאפט פון שטוב דאס דער ישראלקע בולקע זאל מיך דארט ניט זעהען, איך בין אוועק אין באד שטוב וואס איך וואר שוין ניט מעהר אן אהאלבען יאר אונ וואר וויא דיא ווארהייט צוא זאגען גאנץ שמוציק אונ פערוועדעמט, איך האב מיך גוט גיוואשען געזייפט, האב פערזאמט דארט מעהר אלס צוויי שטונדען, דיא אלטע העמד האב איך דארט גילאזען דען עס וואר ניט ווארט צוריק צו נעמען, איך בין גיקומען צוריק גאנץ וויא נייא גיבארען

דיא



דיא אלטליכע פרויא וואס וואר דארט דיא קעכין, האט מיר דער לאנגט אפסחדיגען שנאפס, באלד דארויף אטאש גוטע קאווע מיט פסחדיקע זעמעל, דער צו אפאר אייער אפגיקאכטע, איך האב מיך גאנץ אפגעעתיעט.

באלד דארויף האט זיא מיר גיוויזען וואו עס שטייט דיא שוואקם מיט דיא בערשט, אונ האט מיר גיהייסען אפ פוצען דיא שטיוועל. אונ האט מיך פערזאגט זיך ריינטליך צוא האלטען וויא נור מעגליך, האט מיר דאהער גיגעבין איין שנופטוך, אונ האט מיך בעלערענט ווי איך זאל זיצען בייא דעם טיש, וויא איך זאל מיך בעדינען מיט דער לעפעל מיט גאפעל מעסער, אונ הויפטזעכליך איך זאל מיך ניט שעמען, אונ זיך ניט בעטען לאזען, דען דיזעס איזט גאנץ אזעיאטעס, אונ האט מיר צו גלייך וויניקע גיגעבין דאס איך זאל ניט וואס וועק מיזען (גנבנן) וויא דער פאל געשעהעט זייער אפט מיט דיא ארעמע קינדער וואס מען נעמט זייא אויף שבתים אונ ימים טובים, אונ האט מיר באלד דארויף דער ציילט וואס דא האט איצונד דער שניידער וואס האט אפ גיבראכט דיא קליידער פאר דער מאדאם אונ איינע מאנטילע פאר איר זעלבסט אבענדיג דא שנאפס, איר דער ציילט וואס עס האט אים אפ גיטאן זיינער אדינגט אינגעל דאס ער איז אנטלאפען גיווארין פון אים מיט אפלאש פסחדיקע שנאפס, אונ עס האבין אלע דארט זיך זאט אן געלאכט דאריבער, דאס הייסט אתכלית זיך פערזארגט, אונ האט בעענדעט דיזען מוראלישען פריידיגט (דרשה) מיט דיזע ווערטער, "אלזוי ליבעם קינד האבען זייא מיר ניט שאנדען דורך איינעם דומען שטרייך, ווען איך האב בערעדעט דיא מאדאם דאס זיא זאל נעמען איינעם ישיבה בחור אויף פסח אום סדר אפ צו געבין, דען דארט בייא זייא צוא לאנדע אין פרייסין איזט עס שוין לאנג אוים מאדע, אונ דאך איזט דיא מאדאם גענוג פרום אונ גוט, ווען דוא נור ניט דום ביזט קענסטו דורך איר גיהאלפין ווערען

[illegible]

אין

אין מאנכע זאכען״ , דיזע פריידיג (תוכחה) איז מיר אריין טיף אין הארצען , אונ האב אזוי גאר בערייעט (חרטה גיהאט) דאס איך בין פון דעם ישראלקען אנטלאפען גיווארין , איך האב בעסער גידארפט קומען צו אים צוריק אן דער פלאש אונ דער ציילען אים דיא סבה אונ דורך געפרינעלט ווערען פון אים אום נור זאל ניט לאסטען אויף מיר אזוי איינע לעבערליכע זינדע דאס איך בין אנטלאפען מיט אהאלבע טאפ פסחדיקע שנאפס .

אגאנץ ערב פסח וואר איך דארט בעשעפטיגט מיט קליינע ארבייט , חרוסת מאכען , חריין אן רייבען , צוויא וועקסענע הבדלות קויפען , אלס מה נשתנה ליכט צום סדר , עס וואר מיר פיר גילדען געלד אן געטרויט דארויף אום עס צו קויפען , איך האב עס איין גיקויפט פאר דרייא גילדען אונ אגילדען אפ גיגעבין צוריק , דאס גלייכען האב איך איין גיקויפט פיר הגדות זייער געוויסענהאפט , אונ וואר שוין ניט ווייניג שטאלץ דארויף , דאס איך האב שוין טרויא אונ גלויבין ביי גאנץ אונבעקאנטע לייטע , אונ ערסט ביי נאכט צוא דעם ערסטען סדר האב איך גיהאט דיא געלעגענהייט צו וויסין אלע מיט גלידער (צלענעם) פון דיזער איידעלע פאמיליע , עס ווארען זייערע זעקס , דיא מאדאם זעלבסט איינע געטליכע פרויא פון איאר זעקס אונ דרייסיג , אטאכטער אמיידכען פון איאר דרייצען ניט מינדער שיין אונ מילד אלס דיא מוטער אג אקליינער יונגע פון איאר אכט , איין וואהרער קליינער איינגעל , איין בוכהאלטער אונ צוא גלייך קראספאנדענט איין יונגער קריסט,נור דאס האב איך ניט גיוואוסט צו ער וואר איין דייטשער צוא איין פאלע , דען ער האט ביידע שפראכען זייער גוט נישפראכען דייטש אונ פויליש . איינע קאמער מיידכען , די קעכין אויסער דעם וואס וואר בעדינונג פון דעם שטראז ,שטראזווקע , אונ מאנכע איין נייערקעם .

דער טיש וואר גידעקט צוא דעם סדר.קיניגליך , מעה

אלם



אלס צעהען בוקעטען פרישע בלומען ווארען אויס גישטעלט אויף אים , דיא בעלייכטונג וואר צויבעריש , דיא געטריינקע , דיא שפייזען פירשטליך , דיא הגדה האט גיזאגט דיא מאדאם דיא טאכטער אויך דער יונגע , אבער מיט גאנץ אנדערע מעלאדיען (נגונים) אונ מיט גרויס אנדאכט , אונ מיט פיל בעסערע עברי אלס מיר זאגען , אונ איך בין גיוועז דער סדר אדער ציידער מייסטער , קיינע בעסערע נאכט דוכט מיר קען שוין זעלבסט אין דעם פאראדיז ניט צו געבראכט ווערען , דיא מאדאם וואר ביי דעם טיש גוטער לוינע , אונ העכסט רעדזעליג (געשפרעכיג): זיא האט מיך גמאכט פילע פראגען איבער דיא הגדה , אונ איך האב געוואוסט גוט צו ערקלערען, דיא אלטע האט גימוזט דאלמעטצערין זיין , דען עס וואר מיר אונמעגליך איהרע דייטש צו פערשטיין, מיר זיינען אראפ פון סדר ארום צוועלפען , מיר האבין אלע גיהאט גוטען אפעטיט אונ גענוג געשפייזט , אונ דאהער אויך גוט גישלאפען , אונ בפרט נאך איך וואס איך האב שוין ניט געשלאפען אויף קיין מאטעראץ אונ אויף קיין קיסען שוין פון כמה וכמה יארען , עס האבין זיך אויס געגלייכט מיינע ביינדלעך , אזוי וועלען עס אמאל זאגין אויך דיא טויטע וואס וועלען אויף שטיין צוא תחית המתים .

איך האב געשפייזט מיט דער מאדאם צוא זאמען נור דיא ערסטע צווייא נעכט פון פסח , דאס הייסט צוא דיא ביידע סדרים , דעם גאנצען יום טוב אבער האב איך גיגעסען מיט דער קעכען אונ מיט דער קאמער מיידכען אין קיך שטוב , ביי אלעם דעם וואר דיא קאסט העררליך אין איבער זאט , נור נאך יעדען מיטאג האט מיך דיא קעכען אריין געשיקט צו דער מאדאם אום צוא פערגייגען מיך פאר איר אונ דאנקען , אונ זיא האט מיר ביי יעדען מאל דארויף גיענטפערט "וואויל בעקום עס דיר" , איך וואר אלזוי אגאנץ יום טוב גוטער דינגע (פרייליך) , דען נאך האב איך ניט אין מיינעם גאנצען לעבין

גיהאט

ניהאט איזעלביע גוטע טאגע , אזוי גוט געשפייזט , אונ אזוי גוט געשלאפען , איך האב אנאנצע וואך אויך גענאכטעט דארט , דאמיט (אזוי האט מיר די קעכין גיזאגט) איך זאל ניט ווערען ווידער אונפלייטיג ווען איך וועל שלאפען אין מיינע פארינע ערטער , אונ ביא אלעם דעם וואר איך העכסט בעזארגט דאס עס זאל מיך דארט ניט אנטרעפען דער ישראלקע בולקע .

נון מיינע ליבען , בלייבט מיר איצונד נור איבעריג אויס צו בריטען אייך אין ליכט איבער די מאדאם קייט (דאס הייסט צוא ערקלערען אייך ווער זיא וואר), ליידער אבער קען איך אייך קיינע געניגע (געניגענהייט) לייסטען (טון) אין דיזער זאכע, דען זיא איזט מיר נאך ביז איצונד מער געהיימניס אלס איינע קלארהייט ווייל זיא שטאמט אליין פון גאנץ ווייטע ערטער , נור דאס קען איך אייך זאגען , זיא וואר דאן אויס בערלין · איינע מיליאנערין פון גרויסען אדעל אונ גאנץ העכסט געבילדעט. פון איינער פארנעהמע פאמיליע וואס שטאמט ארויס פון עלזאס · אונ זיא איזט גיקומען קיין אילון נור אויף אגעוויסע צייט , אום איין צו מאנען אגרויסע סומא אין די ראדזיווילס קאמיסיע וואס וואר דאן דארט , אונ דיזער פראצעס וואר אזוי ווייט פערוויקעלט, דאס זיא האט געמוזט פערבלייבען דארט מעהר אלס איין יאר , זיא האט מיט זיך גיבראכט איהרע צוויא קינדער וואס זיא האט זעלבסט אונטערריכט גיגעבין (געבילדעט) , די קאמער מיידכען , אונ איר קראספעדענט ווארען אויס הויף פוילע , די קעכין האט זיא מיט געבראכט פון קיניגסבערג איינע ליטהויעשע פרויא וואס האט זיך דאקטירט אונ נאך הער פערבליבען דארט , די מאדאם וואר איינע וויטווע , אונ האט גיפירט אלזוי אין אילון איין שטילעס איינגעצויגענעס אונ צוריק געצויגענעם לעבען , דאס נימאנד האט פון איר געוואוסט , אונ זיא וואר אלזוי איין געהיימניס אין אילון , האט קיינע בעזוכע נימאכט אונ קיינע בעזוכע אן גינומען , אונ עס

וואר



וואר איר אן צוא זעהען דאס איינגעהיימער קומער נאקטע (גריזעט) אן איהרען הערצען , אונ פאר געוויס וואר עס דער טויט פון איהרעם מאן וואס זיא האט אים געליבט פון טיפסטען הערצען , אונ פון זיינעם פאטרעט וואס עס איז גיהאנגען דארט אין שטוב וואר לייכט צוא פערשטיין דאס עס איז גיוועזען צוא ליבען , ער וואר בילדליך שיין אונ מיט איינער העכסט איינגענעהמענד (פשיעמנע) מינע .

## 12.

## דער גליקליכער איינפאל.

וואס איזט אבער אונבעשטענדיגער אלס דאס גליק , אונ פערגיינגליכער אלס גוטע טאגע , זייא זיינען נור געציילט אין דעם מענטשענס לעבען אונ פערפליהען זיך שנעל אונ לאזען קיין ספור הינטער זיך וויא איין מארגענטרוים , אונ אזוי זיינען זיך איבער גילאפין זייער געשווינד די אכט פסח טאגע דאס איך האב גאר קיין צייט גיהאט זיך אום צו זעהען , דאס איינציגע וואס עס איזט מיר געבליבין פון זייא וואר נור די גוטע מיינונג וואס די קעכין האט פון מיר בעקומען אין דעם פערלויף (משך) פון דיזער צייט , עס איז איר העכסט גיפעלען גיווארין מיינע נאאיפעטעט (אונשולד) מיינע רעליגיעזעטעט (פרומקייט) דאס הייסט מיין ברכה מאכען איבער יעדע זאך , מיין בענצען, מיינע שעכהאפטיקייט (בושה) מיין דרך ארץ , מעהר פאר אלץ מיין הגדה זאגין , דען איך האב גיהאט איינע זייער שיינע קול נגינה , מיט אגוטען געליינק אונ דיזעס איז געפעלען אויך דער מאדאם .

די קעכין וואר אבאל אגרויסע ווירטין , גוט אין שטאנד גיוועזען , אונ האט געשפילט אגרויסע ראלע אין איר שטאדט אונ וואר דאן העכסט קלוג אונ שיין , נון איז זיא אזוי ווייט ארונטער דאס זיא האט זיך געשטעלט פאר אקעכין ביא דער מאדאם , אונ די מאדאם וואר העכסט צו פרידען מיט איהר ,

דען לבד וואס זיא וואר איינע מייסטערין אין קאכען , האט זיא איר געפונען נאך ווירדיג צוא בעראטהען זיך מיט איר איבער מאנכע אנגעלעגענהייטען אונ צו געהארכען איר , דיזע פרויא (שרה וואר איר נאמען) האט זיך איבער יום טוב זייער שטארק אינטערעסירט פאר מיר , דען אויסער וואס זיא האט מיך אב געהיט מיט דעם עסען אונ טרינקען , האט זיא מיר נאך צוא גיווארפען אפאר סקארפעטקעס אלס זיא האט בעמערקט דאס איך האב עס ניט , איינע האלדז פאציילקע , אונ פלעגט זיך בייא דעם טיש נאך פרעגען בייא מיר וויא איך לעב אונ וואו איך לעב אגאנץ יאר , אונ מיינע קורצע אנטווארטען וואָרען גענוג טרעפענד אום צוא בעריהרען איר איידעלעס הערץ , אזוי וויית דאס זיא האט מאנכען טיפען זיפץ ארויס געשטויסען פון איר ברוסט .

אחרון של פסח בייא נאכט איז מיר איבער געפאלען איינע פינסטערע מאלענכאליע (קומער) בייא מיינעם וויסען דאס מארגען וועט שוין ניט זיין היינט , איך וועל דארפען ארויס אין גאטעס וועלט אום צוא הונגערען אונ צוא שלאפען אין באד שטוב (קהלשע) אדער אויף דיא קלעצער וואס ליגען דער בייא אונטערען נאקעטען הימעל וויא דיא איבעריגע מיינעס גלייכען , קוים אבער האב איך מיך אנידער געלייגט איז מיך איבער געפאלען איין ערקוויקענדער שלומער אונ בין זייער הארט איין גישלאפין , דאך דיזער וואולטהעטיגער שלאף וואר ניט פון איינער אייביגקייט , איך האב מיך ארום אבטען אויף גיכאפט האב מיך אן גיטאן , אונ האב גילאזט ליגען לעבען דער זאפע אויף וועלכע איך האב גישלאפען דיא העמד , דיא סקארפעטקעס אונ די נאז פאציילקע , אונ דיא האלדז פאציילקע וואס מען האט מיר גיגעבין דארט צו טראגין איבער יום טוב , אונ האב אן גיטאן מיין ריפשענע קאפאטקע אויף דעם הוילען לייב , דען איך האב דאך שוין בעריעט (חרטה גיהאט) וואס איך האב פערטראגען דיא נייע שטיוועלעך פון מיינעם

גיוועזענעם



…וועזענעם באלעבאס , אונ וואר אלזוי אין בעגריף (בדעה) אריין …יין צו דער מאדאם אום צוא דאנקען איר פאר איהרע גוטע …אס זיא האט מיך גיהאלטען איבער יום טוב .

קוים אבער האט עס דיא שרה בעמערקט , האט זיא זיך …ט גיקענט אפ האלטען פון וויינען , האט מיך אפ גיהאלטען …ן אריין צוא גיין אנטגעגען מיט דעם אויס רייד דאס זיא מוז …ער אריין גיין זעהען צוא איז דיא מאדאם שוין אנגעצויגען , …ן דער טהאט (באמת) אבער וואר עס וויא איך האב עס …אכהער פערשטאנען , אום נור עס צו מעלדען דער מאדאם . …באלד וויא זיא איז אריין צוריק אין קיכשטוב האט זיא …ר געהייסען דאס איך זאל אן טאן דיא העמד אונ דיא …ארפעטקעס צוריק , אונ דאס גלייכען צוא נעמען דיא …אציילקעס , זאל אפ דאבנען , אונ נאכהער פריסטיקען , אונ …ן ערסט זאל איך אריין צו דער מאדאם , איך האב מיך ניט …אוט בעטען , אונ בין איר וואונץ צו פאר געקומען , אונ דאן …ין זיא מיט מיר אריין צו דער מאדאם בייא איהרעם וויסען דאס …א וועט דארט מיט מיר וואס שפרעכען , אונ זיא וועט אלזוי …ים דאלמעטשערין צווישין אונז זיין .

איך האב איר דער וויסט זיצענדיג אין דער זעלביגע …מאל וואס איך האב איר צו דעם ערסטען מאל דער זעהען אין …ם זעלבען אנצוג , איך האב מיך טיף פארנייגט פאר איר אונ …אב אנגיהייבין צו שטאמעלען מיין דאנק , זיא אבער האט מיך …ט געלאזט עס ענדען , אונ האט מיך געפרעגט „אונ וואו היין …סט דוא איצונד גיין ?" , פון וואהער איך בין צו אייך גיקומען …אדאם" וואר מיין אנטווארט „אין גאטעס וועלט" „אונ פון וואנען …סט דוא דיך געגערען ?" האט זיא מיך ווייטער גיפרעגט „פון …עגען עס גענערען זיך דיא פייגעלעך אינטער גאטעס הימעל , …פרעקלעך גענאדענברויט" , וואר מיין אנטווארט „אונ וויא …סט דוא ?" האט זיא מיך ווייטער גיפרעגט „איך הייס …דערקע" , דיא מאדאם אבער האט מיך ניט פערשטאנען ,

אזוי

אזוי פערקריפעלען (צוא קאלעצען) אונ פערפונצען אלעס
(בעזאבראזעווען) דיא ליטהויער , אלע איהרע נעמען צוא זייער
שאנדע , דאס עס ווערט ביא זייא ביא יעדען נאמען איינע
זילבע (סלאג) קע, צו געלייגט אום צו פערקלענערען דער מיט
דעם ווערט פון איינער אונוויכטיגען פערזאן , אזוי צום ביא
שפיל ווערט פון יוסף יאסקע , פון אברהם אברעמקע , פון
שרה שרקע .

זיא האט מיך ניט פערשטאנען , דאס דיא פרויא שרה האט
גענוזט איהר איבער טראגין מיין נאמען אויף דייטש «וויקטאר»
אונ דיזער נאמען האט אויף איר גימאכט איין העכסטע
טרויעריגען איינדרוק דאס עס ווארען איר אויסגעפרעסט צוויא
גרויסע טראפענס טרערען , אונ האט דער ביא פערמאכט איר
גענזיכט מיט איר בלאנדענען שנופטוך , אונ דיאביידע קינדער
וואס זיינען דאן גישטאנען פון איהרע ביידע זייטען וויא צוויא
גוטע איינגעל האבין זיך רויט געריבען זייערע איינגעלעך , דען
אזוי האט גיהייסען זייער פערשטארבענער פאטער «אלזוי הערסט
דוא וויקטאר !» האט זיא זיך אפגערופען ווייטער צוא מיר «איך
בין דיר געוואגען (גוט גענייגט) אונ וויל וואס טאן פאר דיר ,
איך וויל דיך אפ געבין צו איינעם האנדווערקער , צוא איינע
פארטעפיאניסט ווען דוא נור ביזט גענייגט דער צו (ווילסט עס)
דוא ווערסט אלזו איין פאך מאן זיין (איין מאן וואס בעזיצט איינע
קענטניסע) אונ ווערסט מיר צו דאנקען האבין צייט דוא וועסט
לעבען , דאס איז איינע פראפעסיאן וואס קען איינעם ארענטליך
מאן זייער גוט גענערען אונ אייך רייך מאכע , דאך אבער בין
איך דיך פריהער בעסער קענען צו דוא ביזט ווירקליך איין
ערליכעס קינד , וויא דוא שיינסט מיר צו זיין , ברייננ מיר אב
וויינינגסטען איין צייגניס (איין שרייבען) פון דעם היזיגען ראבינער
דאס דוא ביזט עס .

«עס איז צו פיל פערלאנג פון מיר מאדאם» האב איך איר
גיענטפערט פערנייגענדיג זיך גאנץ טיף פאר איר «איך וויל



איך צוואר העכסט דאנק דר פר, דען איך ווינשע פון הערצען עס
צו זיין , דאך קען איך ניט אייער גערעכטען וואונש געניגע
לייסטען (ערפילען), דען איך בין פרעמד אין דיזער שטאט , דער
נאפינער קען מיך ניט אונ וויים מיך ניט» , אונ דאך האסט דוא
דאך געווים בעקאנטע אין שטאט וואס ווייסען דיך ביא וועלכע
איך קען שיקען נאכפרעגען איבער דיך» אין נויט , זאגט דער
אלטער שפריכווארט וואקסט דער מוט , אזוי וואר דער פאל
ביא מיר אויך , דער ליבער גאט וואס איך האב אים אין דיזער
קריטישע (איינגע) מינוט אנגעבעטען אין שטילען , האט מיר
דאן איינע געשיקטע (קלוגע) אנטווארט אין מיינעם מונדע
געלייגט , איינע אנטווארט וואס מיט אשטונדע פריהער וואלטע
איך יענעם העכסט פערווינשען (פערשילטען) וואס וואלט עס
פלוידערען פאר איר . דען עס וואלט מיך אום מיינע ערליכקייט
געבראכט ביא איר .

נאך איינעם קורצען בעדיינקען האב איך גיענטפערט
איך פרעגען אויף מיך קענען זייא נור ביא איינעם , אונ דאס
זייא וועלען איין צוא טרויען האבין צו יענעם , דען ער
איינער פון דיא קלענסטע מענשען אין דיזער שטאט אונ
אם איז איין געוויסער שניידער ישראל בולקע . שוין מעהר
איין יאר דאס איך עס ביא אים איין טאג אין וואך , איך
צוואר נאך אפאר טעג גיהאט ביא אנדערע קליינע מענשען
געווארען זייא ניט פאסטאיאנע, אונ האב זייא שוין ניט מער,
ער ישראל קען מיך זייער גוט , איך האב מיך גיוואלט
ביילען דינען ביא אים , האט ער ניט גיוואלט מיך אן נעמען
ער האט זיין קאמפלעט פול , אונ וויל אלזוי ניט נעמען
איין אנפאנגער אויף זיין שוכען אונ קליידען אונ עסען נאר אן
לאשין געלט , אלזוי איין בעוויז דאס איך וויל ווערען איין
האנדווערקער דען איך זעהע איין דאס פון מיינעם וועלגערען
אין דיא קלויזען וועט זיך נאר ניט אויסלאזען .

«אם בעסטען» האט זיא זיך אפגירופען «ער איזט מיין

לייב שניידער», און האב צו אים איין גרויסען צו טרויען, ד…
איך האב  אין אים איין געזעהען איין ערליכען מאן, …
דארף אלזוי ניט שיקען צו אים, דען ער וועט זיין דא מארג…
ביי מיר, דער ווייליע קענסט דוא פערבלייבען ביי מיר …
מארגען, עסן און נאכטען.

איך האב מיך ווידער פערניינט פאר איר, געדאנקט …
בין ארויס צוריק אין קיך שטוב, און דאן וואר מיין ערסטע…
געדאנקען אריבער צו לויפען צו דעם ישראלקען וואָרפען זיך …
צו דיא פיס, דער ציילען אים דיא אורזאך פון מיינעם ניט קומ…
צוריק צו אים און בעטען אים רחמים, דאס ער זאל זאגין ד…
זעלבע וואס איך האב איצונד געזאגט פאר דער מאדאם,
האב אלזוי אן גיהויבין צוא זוכען איינע גוטע געלעגענהייט וו…
ארויס צו האפען זיך פון שטוב דאס מען זאל ניט מערקען ד…
איך גייא צו אים, און דער גאט וואס האט מיר דיזע ר…
אריין געלייגט אין מוח האט מיר צו געשיקט שוין אויף ד…
שטעלע איינע גוטע געלעגענהייט אוועק צו גיין אין שפא…
דיא שרה האט מיך גיבעטען, דאס איך זאל אוועק טראג…
אהין קוילען, און איך האב זיך ניט געלאזט בעטען, האב גענ…
דיא הון און בין אוועק מיט איר גלייך צו דעם ישראל ב…

צוואר האר מיר דיזער שריט קיין לוסט נאנג, איין נ…
האט מיר געמאגט יענטפערען מיט וואס פאר איין הערצען א…
בין אריין צו דעם ישראלקען אין שטוב.

קוים בין איך אהין אריין מיט דער הון אונטער ד…
ארעם, האט מען ארויס געפאצט אנטקעגין מיך מיט איי…
שאלענדען געלעכטער פון צוואנציג געזונטע קעהלען (העלדז…
דען צו מיינעם אונגליק וואָרען דארט דאן אלע טאוואריש…
דיא שטיק ארבייטער, אפאר שכנים, און היינט דער ר׳ ישר…
אליין מיט זיינער פאמיליע, זיין ערסטער גערוס וואר העג…
זארקאסטים (שפאטענד) «שלום עליכם ר׳ אביגדור!» האט …
זיך אפגערופען «אנאסט אין שטעטעל, קיין פארפאלענ…
מענש



…מענטש, אגוטער געשעפטם מאן איז אוועק מיט אפלאם און איז
…קומען מיט אהון, אשיינע אוים ביימונג, איך וויא איך מיין
…ייב און קינדער האבין אוים געוויינט דיא דריטע אויג נאך דיר»
…ייא דיזען גערוס האט מען זיך ווידער פון איינאנדער געלאכט
…ט נאך מעהר פרישקייט, און צו דיזער געשוויר האט זיך נאך
…מאכט אפריסציק אויך, דען דיא הון (זאל עס זיין פון שרעק,
…ער נור איין הוילער צופאל) האט ארוים גילאזין פון זיך איינע
…י אויף דער ערד וואס האט זיך צו בראכען לעבען מיינע פים
…ת האט פערגעלעבט מיינע שטיוועל, און האט זיך נאך צום
…גליק לויז געבונדען, ארוים גערייט זיך פון אונטער מיין
…עם און האט אן געהויבין אום צו פליהען איבערען שטוב און
…בראכען אטעלער, דא איז גיווארען דער גילעכטער נאך
…סער, און דיא ווירטין האט מיך אן גיהויבען צוא ווארצען
…און האט מיר פארגעלייענט דעם געוואוינליכען ווייבערשען
…שון «שדים האבין אים גיבראכט אהער צו דרייען, ביז אצרה
…אל אים פערגיין».

איך בין געבליבין שטיין בלוט רויט, און העכסט בעזארגט
…ען דער הון, דאס זיא זאל ניט ארוים פליהען פון שטוב,
…עם וואר אפען אפענסטער דארט אדער אם ווייניגסטען וועט
…דיא ווירטין דער האלטען פאר דעם שאדען וואס זיא האט
…ארט אנגעמאכט, איין גאט האט מיר געמאגט ענטפערען אין
…ער קריטישע לאגע וואס האט געדויערט שיינע עטליכע מינוט
…ין מען האט זיך איבער גילאכט, דיא הון איין גיפאנגען, און
…האט אן גיהויבין ערענסטער צו בעטראכטען מיך. און דאן
…אט זיך אפ גירופין דער ישראל צו מיר גאנץ געלאסען «גילעכטער
…איט וואו ביזטו עם פארפאלען גיווארין אום ערב פסח, מיט
…ער פלאם און מיט דיא בראנפען, איך בין אויסען זיינען
…וארין דאריבער ווייל איך האב ניט געוואוסט וואס איבער
…וא טראכטען, דען איך האב דיך ניט אזוי דום געהאלטען דאס
…יא האסט געמיינט מיט דיזער קליינקייט זיך גליקליך צו מאכען

און

און בפרט איך וויים דוא ביזט איין ערליך קינד, און היינ
זאג מיר וואו ווארס דוא פסח?

„ליבער באלעבאם!“ האב איך מיך אפנירופען צו אי
„זייט נור ניט בייז אויף מיך, איך וועל אייך אלעם דער ציילען
און דאן וועט איר שוין אליין מיר גערעכט געבען ווארום ב
איך פורט גילאפין, און ווארום איך בין צו אייך איצונד צורי
גיקומען, נור איך וויל עס אייך נור אונטער פיר אויגען דע
ציילען, דא אבער זיינען דא צו פיל לוישער (האָרכער).

„גוט מיר קענען ארוים גיין אין דרויסען“, האט ער מי
גיענטפערט, און אלם מיר ווארען שוין אויף דעם הויף האב
איך אים דער ציילט אלעס וואס מיט מיר איז גישעהען פון א
ביז צע, און האב אים גיבעטען רחמים, דאס אלם דיא מאראנ
וועט מאכען ביא אים איינע נאכפראגע איבער מיך זאל ע
זאגין דאס עס איזט שוין איין רונדעס יאר דאס ער עסט ביא
מיר איין טאג אין וואך, און האב אים אין דיזען משך הי
קאנט פאר איין גאנץ ערליך קינד, איך האב אים געקוס
דיא הענט, דער ביא גיוויינט, און גיבעטען אים רחמים דא
ער זאל דיזע גענאדע מיט מיר טאן, און איך וועל אים אוי
אימער דער פאר געדיינקען צום גוטען, און וועל אים ווען
וועט גילטען אין קורצען בעצאלין אויך פאר דיא שטיוועלע
פאר דיא קאפאטקע, פאר דיא גלאז.

דיזער רויהער מאן וואר העכסט גערירט פון מיין וויינ
און ביטען, בפרט ער האט נאך ניט געהאט וואס צו פערלי
דער ביא, דען ער וואלט מיך זויא וויא עס זויא אוועקלאז
פון זיך, און האט מיר פערשפראכען צו דינען מיר אין דעם
וייט מעגליך איזט און צו מאכען דער פון אויך איינע געהיימני
דען זאנסט וואלט עס מיר געשאדעט, ער האט מיך נאך הי
ארייין גיבעטען אין שטוב, האט מיר אפגינעבין דיא הון, א
האב גינומען אבשייד פון דיא הויזלייטע, בין אוועק מיט א
צום שוחט, און בין גיקומען צו דער ריכטיגער צייט צוריק, האב





אפגינעבין דיא הון צו דער קעכין, און וואר דאן דאס ערסטע
מאל העכסט צוא פרידען מיט מיר און האב שוין אנגעהויבין
צוא האפען אויף בעסערע צייטען.

## 13.

### „דער פארטעפיאניסט“

אויף מארגין איז גיקומען דער ישראל צוא דער מאראמע
אום צו נעהמען נייע ארבייט ביא איר, זיא האט זיך ביא
אים נאך גיפרעגט אויף מיך, און ער האט גירעט אלם דאס
גוטץ אויף מיך, און האט איר אויך געזאגט דאס ער איזט
א קינד וואס וויל זיך אויס לערנען איין אומנות, דאס ער האט
גיוואלט אן קומען צו מיר אום אשניידער צו ווערען, האט ער
אים געוואלט וייל ער האט גענוג מאוואריסטווע, דען אזוי האב
איך אים גיבעטען דאס ער זאל עס אזוי זאגין, און זיא ווידער
וואר העכסט צו פרידען מיט דיזער אנטוואורט, און האט אים צו
גייך דער ציילט דאס זיא וויל מיך אפגעבין צוא איינעם
פארטעפיאניסט וואס זיא האט גענומען ביא אים איינע
פארטעפיאנע אויף פלאקאט, ער קומט צוא איר אלע צוויי
וואכען אום אים איין צו שטימען, און דאס ער איז איין דייצער
אים בערלין, איין בעקאנטער איהרער, און וואס ווינצט צו
בקומען מאנכע אידעשע קנאבען (בחורימלעך) פאר געהילפען
צולאדניקעם), ווייל מיט דיא פוילישע קען ער זיך ניט צוא
אמען ריידען, דיזעס אלם האט מיר דער ישראל מיט געטיילט
אלם ער איז אריין אין קיכשטוב אום צו נעהמען מיר אמאס אויף
א פאר הויזלעך, קאמעזעלקע, און רעקעל, איך וואר אויסער
זיך פון פריידען, און בין באלד אריין צו דער מאדאם, האב
איר העכסט געדאנקט, און זיא האט מיך איין עטוואס
פראלעזירט (געמיסרט) דאס איך זאל זיין געהארכזאם דעם
מייסטער, און פלייסיג זיין אין דער ארבייט, און האט מיר

צו גלייך פערשפראכען דאס אזוי לאנג זיא וועט פערבלייב
אין אילון וועט זיא מיר געבין מיטטאגען ביי זיך אין שטוב
דער צו נאך פופציג קאפייקען אזוי אויך אויף פריסטיקען , אונ וועט
אזוי זארגען פאר אלע איבעריגע בעדירפניסע מיינע , אונ נא
איר אפ פארין וועט זיא איהרע גענאדע אויך ניט ענטציהען פ
מיר , דען האלב גיטאן איז וויא גאר ניכסט געטאן .

אין אטאג דרייא ארום האט דער שניידער אב געבראכ
מיר דעם אובאר , אונ האט עס מיך זעלבסט אן גיטאן, עס וואר
אויף מיך וויא אויסגיגאסען , דער שניט וואר האלב טייץ , האלב
אידעש , דער צוא וואר מיר נאך מיט אטאג פריהער געקויפ
איין קאפעלוסציק מיט אשמאלען ראנד , אלעם דיזעם האט מיך
העכסט געקליידעט , דער ישראלקע זעלבסט האט מיך אריי
געפירט צו דער מאדאם אום צו ווייזען איר דאס ער האט
גוט אפ געניית , איך האב מיך טיף פארנייגט פאר איר א
גיטאן איר אין האנד , אונ האב פערשפראכען צו דינען איר מיט
לייב אונ לעבען .

«איך ברויכע גאנץ ווייניג דיין דינסט» האט זיא זיך א
גערופען צוא מיר «אם בעסטען וועסט דוא טאן ווען דוא ד
זעלבסט דינען וועסט , איך מיין דאס דוא זאלסט פלייסיג ז
אין דיינער ארבייט אונ געהארכען דיין מייסטער , גיין א
גראדען וועג , זיין גוט מיט גאט אונ מיט לייטען , אונ ד
ביי זיך העכסט ריינטליך האלטען , דיין קלייד שוינען , פ
זעהען פיל הערען אונ גאר ניט דער ציילען , אונ דאן האפע צ
גאט וואס ער איז דער פאטער פון יתומים .

נאך דיזען קורצען פריידיגט (דרשה) האט זיא מיך אב
געשיקט אנטקעגען , דאס איך זאל דארט ווארטען ביז עס וועט
קומען דער פארטעפיאניסט וואס דארף אומגעזאמט קומען צ
איר , איך בין אריין אין דיא קיכשטוב , אונ האב מיר דאר
גישטעלט אנטקעגען שפיגעל אום צו זעהען וויא איך זעהע אויס,
דיא ווארהייט צו זאגען איך האב מיר זעלבסט ניט דער קאנט צ

איך



איך בין עס צו איין אנדערער , אונ וואר אלזוי אויסער זיך פון
יידען , דיא אלטע שרה האט מיר גיגעבין תתחדש , אונ
אט מיר צו גיוואונצען דאס גאט זאל זיין מיט מיר , אונ דאס דיא
מאדאם זאל ניט האבין קיין אורזאך צוא בערייען (חרטה צוא
האבין) אויף דיזע גרויסע גענאדע וואס זיא טוט מיט מיר ,
ס האט מיך דיזעם ווארט העכסט געקריינקט דאס איך האב
יך דאריבער פון איינאנדער געוויינט , אונ זיא האט מיר
שוואונצען דאס איך זאל דיזעם קינדליכע הערץ אויף
יסער בעוואהרען .

פארנאכט וואר איך אריין גירופין צו דער מאדאם אום
פאר צו שטעלען מיך פאר דעם מייסטער וואס וואר שוין ביי
איד אין שטוב , דיזער מאן וואר אונגעפער איאר פערציג פון
שיינעם וואוקס, רייך געקליידעט מיט איינער גאלדענע אוהר ,
מיט איינער העכסט פריינדליכע מינע . ער האט מיך
טראכטעט פון קאפ ביז דיא פיס , אונ איך בין אים העכסט
פעלען . «עס איז גוט מאדאם» האט ער זיך צו דער קיים
גערופין «עס קען איין גוטער ארבייטער פון אים ווערען , אונ
ער פערשטייט נור צו געהארכען וועט ער איינען גוטען
יסטער אין מיר בעקומען» ער האט מיך געפרעגט וויא איך
יים , אונ אלס איך האב אים גיענטפערט איך הייס וויקטאר ,
אט ער זיך אפגערופען «א עס קלינגט גאנץ טייץ , עס געפעלט
מיר» , ער האט פערלאנגט איינע שריפט פון מיר (דאס הייסט
איין פאס) אונ איך האב אים געצייגט מיין אטעסט , אונ וייל
ער האט עס ניט גיקענט איבער לעזען האט עס אים איבער
געלעזען דער קראסנאדענט, «גוט עס גייט אן» וואר זיין אנטווארט,
אונ האט מיך באלד נאך דעם וויא ער האט דארט אפגעשטימט
דעם פארטעפיאן מיך מיט גענומען אויף זיין קווארטיר , דיזער
מאן האט זייער שיין געוואוינט . האט מיך אריין געפירט אין
דער אטעליע, (פאבריק) האט מיך פאר געשטעלט פאר זיינע דרייא
געזעלען דייטשע יונגע לייט , נאך הער האט ער מיך אריין

(פארטעפיאניסט) הא נעפירט

געפירט אין זיינע צימערן האט מיך טראקטירט מיט אנגלא[...]
ביר , האט מיך געהייסען נאך דיזע נאכט נאכטען ביי דער
מאדאם , אונ קומען צוא אים מארגען אוהר זיבען , איך האב
אין דיזער נאכט געטריימט פון איינער נאלדרענע צו קונפט
(בודעסנאסין) דאס איך וועל אמאל איין קינסטלער ווערען ,
אונ וועל גליקליך זיין , אונ מיט דער צייט איזט דיזער טרוים
פערווירקליכט געווארען וויא איך וועל אייך מיינע ליבען ווייטער
דער ציילען , אונ האב קוים דער לעבט דאס עס זאל שוין מא[...]
ווערען אדער זיבען אוהר, אום שוין איין מייסטער צו ווערען .

אין דיא ערסטע פיר וואכען האב איך דער לערענט צו
וויסען אלע נעמען פון אלע געציינען וואס ווער עס מעהר אלס
הונדערט סארטען, אונ דאס גלייכען וויא צוא רייניגען זייא ,
וויא צוא שארפען זייא , אויך אלע סארטען האלצען מיט זייע[רע]
איינענשאפטען (מעלות אונ חסרונות) אונ אזוי פיל דער לערנ[ען]
טייך צו שפרעכען אונ צו פערשטיין , דאס איך האב שוין
געקענט זיין איין שטיקעל טאלמאץ צווישען מיינעם הערען אונ
פוילישע הערדען אונ דאמען וואס זיינען געקומען אין דער
אטעליו צו קויפען אדער צו נעמען פארטעפיאנען אויף פלאקאט ,
דאס מיין הער האט שוין גיהאט אורזאך צו פרידען צו זיין מיט
מיר , מיטאג בין איך געגאנגען שפייזען צו דער מאדאם , דאס
גלייכען האב איך בעקומען פון איר פופציג קאפייקען וועכענטליך
וויא זיא האט מיר פערשפראכען , נאכטען פלעג איך אין דער
אטעליו , דען אזוי ווער דיא זיטע , דאס איין נאוויצע (לעהרלינג)
מוז דארטן נאכטען , דאמיט דיא אטעליו זאל ניט בלייב[ען]
אליין אוים געוויסע אורזאכען , פרייטאג פלעג איך בעפרייט
ווערען גאנץ בעצייטען , אונ דאן פלעג איך מיך זעהען נוצליך
צו מאכען דארט ביי דער מאדאם אין שטוב , אונ האב מ[יר]
געמאכט דורך דעם העכסט בעליבט ביי דער אלטע שרה .

אין אפאר מאנאטען ארום . פרייטאג צו נאכט נאך דע[ם]
עסען , האב איך מיך אריין גילאזין מיט דער שרה אין אטי[...]





געשפרעך איבער פערשיידענע זאכען , אונ אונטער דעם האב
איך מיך בעשפראכען מיט איר אויך איבער דעם כאראקטער
פון דער מאדאם קייט. „איך קען דיזע איירעלע פרויא„ האב איך
איר גיזאגט„ ניט געגוג בעוואונדערען איבער דיא גרוים גענאדע
וואס זיא טוט מיט מיר , וואס האט איר פעראורזאכט דאס זיא
זאל זיך אזוי פיל לאזען קאסטען אויף מיך וואס איך בין איר
ווילד פרעמד ? מיינע גידאנקען קענען עס ניט אויפפאסען , נאך
האב איך אזוי איין גלייכען ניט גיזעהען זעלבסט אין אילון וואס
איזט אזוי בערופען אונ בעריהמט אין דער גאנצע אידעשע וועלט
וועגען איהרע צדקות ?„ . זאל עס דיר מיין קינד צוא קיין
וואונדער זיין„ האט זיא מיר גיענטפערט „מען קען אנדערם
ניט זאגין , עס זיינען דא אונטער דיא היזיגע יודען פיל פרומע
אונ גוטע לייט , גרויסע לומדים , גרויסע בעלי צדקית , אונ
מיינען גוטעס צו טאן מיט זייער צדקה , אונ טוען עס ניט ווייל
זייא זיינען העכסט אינציוויליזירט , האבין קיין בעגריף פון
איינער ארדענונג , אונ וואו עס פעלט אן ארדענונג פעלט שוין
אן אלץ , זייערע צדקות פערגייען וויא צו זאגען אין לינקען
עהל , וויא דער שנייא אין איינער זאווייהע וואס ווערט
פערדריינט נור צווישען פארקאנעם , הייפט זיך צו זאמען אין
מאנכע שטעלען זייער הויך , אונ אין מעהרער ערטער בלייבט
דער נאכצענעם הויל וויא איין קאטויל , דאס עס איז ניט צו
פארען ניט מיט שליטען אונ ניט מיט רעדער , וויא עס איזט
דיזעס דייטליך ארוים צו זעהן פון זייער טיילען קמח פסח , דאס
גאנץ אונגייטיגע האבין פיל מעהר אלם נייטיגע , ניט היגע מעהר
אלם היגע , אונ אזוי ווערט פערשוועגדעט דער גרעסטער טייל
צדקה געלט אויף הוילע לידיג גייער , פוילער , שנארער פון
פרעמדע שטעט , וואס ניכטען זיך איין דא פעראימער , נייען
איבער דיא הייזער , אונ עס הייפט זיך אלזוי דורך דיזע צדקות
זייערע (וואס ווערען שלעכט פערברויכט) דיא ארמוטה אין איר
פון יאר צו יאר מעהר , דאס איין מענטש מיט אנעוזונטען

אוּנ בִּין שׁוֹין אוֹיף גֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען אַלְס זוּן אִין זַייש
הוֹיז , הָאבּ מִיךְ אָן גֶעהוֹיבֶּען אַריין צוּא מִישֶׁען אִין זַייש
גֶעשֶׁעפְט , אִין אֵיינֶעם יָאר אַרוּם וַואר הָאכְצַייט , פַאר מַי
נַיין צוּא דֶער חוּפָּה , הָאבּ אִיךְ גַאנְץ עֶפֶּענְטלִיךְ (פּוּבּלִיצִינֶ
גֶעדַאנְקְט דֶער מַאדַאם קֵיט פַאר אַלֶעם גוּטֶען וָואס זִיא הָ
מִיט מִיר גֶעטָאן , אִין אַיָאר נָאךְ מַיינֶער הָאכְצַייט הָאבּ אִ
גֶעשְׁרִיבֶּען דָאס מַיינֶע מוּטֶער זָאל קוּמֶען צוּ מִיר , זִיא הָ
פֶערְלֶעבְּט בַּייא אוּנְז אִין הוֹיזֶע אַיין הַאלְבֶּעס יָאר אִנ דְ
נָאךְ אִיזְט זִיא אָפְּגֶעפָארֶען פוּן אוּנְז , דֶען זִיא וַואר גֶ
גֶעוואוֹינְט צוּא אוּנְזֶערֶע עֶטִיקֶעטֶען (דֶרֶךְ אֶרֶץ אִינ זִיטֶען)
עֶס וַואר אִיר דָא צוּא מוּטֶה וִויא אַיינֶע הוּן וָואס בְּרִ
אוֹיס קַאצְקֶעכֶע אֵייֶער וָואס לַיידֶעט זַייעֶר פִיל דֶער פוּן דְ
דִיא קְלַיינֶע עֶנְטֶען שְׁוִוימֶען אוֹיף דֶעם וַואשֶׁער אוּנ זִיא
בְּלַייבֶּען אוֹיף דֶעם בְּרֶעג :

אַלְזוֹי מַיינֶע לִיבֶּען דָאס אִיז מַיין לֶעבֶּענְס גֶעשִׁיכְ
בִּיז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזֶען צוּא פֶערְהַיירַאטְהֶען זִיךְ
אַייעֶר לִיבֶּע מוּטֶער דִיא נָאךְ מִיר הָערְכְּסְט גֶעלִיבְּטֶע
וואס לֶעבֶּעלְט מִיר נָאךְ אָן מִיט אִיהְרֶע פַאלְקֶען אוֹיגֶען
אַזוֹי פְרַיינְדְלִיךְ אוּנ לִיבְּלִיךְ וִויא אִין דֶעם טָאג פוּן אוּנְ
הוֹיכְצַייט , וָואס אָבֶּער מִיט אוּנְז פַּאסִירְט הָאט וַוייטֶער, וָו
מִיר אִין אֵיינֶעם אַנְדֶערֶען יוֹם טוֹב אַיךְ דֶער צֵיילֶען ,
עֶס וַואר נָאךְ פִילֶעס פִילֶעס אוּנ נָאךְ וואוּנְדֶערְלִיכֶעס
אוּנְז גֶעשֶׁעהֶען :

ע נ ד ע